# ויואל משה אמת ותורתו אמת

סדר הדלקת נר חנוכה




תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
מזכרת מדינער השנתי - כ"א כסליו תשס"ו

כ"א כסליו - שנת תשס"ו לפ"ק דינער השנתי להחזקת הת"ת

קונטרס

# ויואל משה אמת ותורתו אמת

אין דעם קונטרס ווערט באשריבן די השתלשלות הענינים פון דעם ספר הקדוש ויואל משה, ווי אויך די פארצווייגטע היסטארישע מערכות וואס רביה"ק האט דאן אנגעפירט בשעתן פארפאסן דעם ספר, ווי אויך במשך די צייט וואס רביה"ק האט דאס מחבר געווען, והמסתעף.

ויצו משה וזקני ישראל את העם לאמר שמר
את כל המצוה אשר אנכי מצוה אתכם היום

## סדר הדלקת נר חנוכה

ארויסגעגעבן דורך
**תלמוד תורה יטב לב דרב"י מסאטמאר**
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביהקוה"ט זי"ע * בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

לכבוד דינער השנתי של מוסדינו הק'
**כ"א כסלו תשס"ו לפ"ק**
יום ההצלה והשיחרור של מרן רבינו הקוה"ט זי"ע ועכי"א

אליך זעקו ונמלטו בך בטחו ולא בושו
בך בטחו אבותינו בטחו ותפלטמו

חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו

# ויואל משה אמת ותורתו אמת

## פרק א'
## נסיון האחרון

### ספר הקדוש "ויואל משה"

ווינטער שנת תש"ך, איז דער הייליגער ספר "ויואל משה" צום ערשטן מאל ערשינען, וואס דעמאלט האט עס אנטהאלטן בלויז דעם "מאמר שלש שבועות", און ס'איז געווען געדרוקט אין א קליינעם פארמאט בכתב אותיות מרובעות. א יאר דערויף, שנת תשכ"א, איז עס איבערגעדרוקט געווארן אין א גרויסן פארמאט מיט רש"י אותיות און מיט פארשידענע הוספות, און אויך איז צוגעשטעלט געווארן דער "מאמר ישוב ארץ ישראל", און דער "מאמר לשון הקודש".

### דער בלבול הדעת נאך די מלחמה

אין די יארן נאך דעם ביטערן אומגליק פון די הקמת המדינה, בשנת תש"ח, איז דער גרעסטער טייל פון אידישן פאלק, ארייגערעכנט אויך חרדי'ישע קרייזן און פארטייען ליידער געווען אויסערגעווענליך פאר'כישופ'ט אין די ניי געגרינדעטע ציוניסטישע מדינה. מ'האט דאס באטראכט ווי א גאולה און

א ישועה פאר'ן כלל ישראל. א גרויס טייל אדמורי"ם ורבנים נאכשלעפער פון די מדינה הציונות האבן דאס אפען באצייכענט ווי אן "אתחלתא דגאולה" אדער אן "אתחלתא דקיבוץ גליות", און אפילו די וועלכע זענען נישט געגאנגען אזוי ווייט, האבן זיי דאס אבער באטראכט ווי א גינסטיגע ישועה פאר אידן וועלכע איז געקומען בהשגחה העליונה פארן כלל ישראל נאך דעם נאצי חורבן, און כמעט אלע האבן זיך געפרייט דערמיט און זיי האבן באצייכענט זייערע נצחונות ווי נסים מן השמים פארן עקזיסטענץ פון די מדינה, און דאס האט צוגעברענגט אז אלע רעליגיעזע פארטייען האבן זיך צוגעשלאסן צו די פירערשאפט פון די מדינה. אזוי זענען זיי געווארן שותפים צו דעם ממשלת הכופרים, און צוזאמען מיט אלע פרייע פארטייען האבן זיי זיך אנגעשלאסן אין דעם "כנסת", וועלכע איז די פירערשאפט פון די מדינה הטמאה און געזעצגעבערין פונעם פאלק, וועלכע האט בשום אופן נישט אנערקענט דעם סמכות התורה.


עמ"י עש"ו

ספר

ויואל משה

לבאר דיני השלש שבועות, שנאמרו בנביאות, בעניני קץ הישועות, גם לבאר דיני מצות ישיבת אה"ק וכל המסתעף בענינים אלו להלכה ולמעשה

אשר אספתי ולקטתי ממקומות הנאמנים וברורים בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הקדושים נ"ע זלה"ה זי"ע ועכ"י

הק' יואל טייטלבוים

נדפס בבית דפוס של
מענדר דייטש, ברוקלין, נ. י.

שער בלאט פון ערשטן דרוק פון ספה"ק "ויואל משה" וואס אנטהאלט נאך די מאמר "שלש שבועות"

דער בלבול המוחות וואס דאס האט פאראורזאכטביים כלל ישראל איז נישט מעגליך צו באשרייבן. זיי האבן זיך אנגעכאפט אין פארהייליגטע באגריפן פון אידישן פאלק, אזוי ווי "מצות ישוב ארץ ישראל", און "הצלת ישראל". זייער טמא'נע שפראך "עברית" האבן זיי גענומען פון די הייליגע שפראך "לשון הקודש", און מיט די אלע הייליגע באגריפן האבן זיי באוויזן מבלבל צו זיין די מוחות פון מיליאנען תמימות'דיגע אידישע קינדער.

## א שוואך דור

דערצו האט זיי צוגעשפילט דאס מזל אז די מדינה איז געגרינדעט געווארן אין א דור יתום ווייל ביי דעם ביטערן חורבן זענען רוב אמת'דיגע גדולי ישראל אומגעקומען, ה' ינקום דמם. דער גרעסטער טייל פון די פארבליבענע מנהיגים זענען פארפירט געווארן נאך דער ציוניסטישער עבודה זרה, און אפילו די וועלכע האבן נישט מיטגעהאלטן, האבן כמעט נישט געוואגט ארויסצוקומען אויסצושרייען אין די עפנטליכקייט פארן פאלק, אז די מדינה איז נישט קיין ישועה, נאר דער גרעסטער אומגליק פארן אידישן פאלק ברוחניות ובגשמיות. מ'האט זיך נישט געוואגט ארויסצוקומען קעגן דעם שטראם פון דער גאס. ס'איז געווען ממש סכנות נפשות צו זאגן א ווארט קעגן דער מדינה.

## רבינו הקדוש יחיד בדורו

אחד הי' אברהם, א יחיד בדורו, איז געווען רבינו הק' מסאטמאר זי"ע, וועלכע האט יא אויסגעשריגן דעם אמת מיט מסירות נפש, אז די מדינה איז אן אומגליק ברוחניות ובגשמיות, און ווער עס איז פארגלייבט אין די מדינה איז א מודה בע"ז ובמינות, און מען טאר זיך נישט באטייליגען און זיין א שותף אין אזא ממשלה, און מען טאר זיך נישט משתתף זיין אין די בחירות הטמאות צום כנסת המינים ערוועלן דעפוטאטן פאר די ממשלת הכפירה. מ'טאר נישט רעדן זייער טמא'נע שפראך "עברית", און אז נישט דורך בויען די ציוניסטישע מדינה איז מען מקיים מצות ישוב ארץ ישראל, און ער האט אומאויפהערליך געמאנט זיך נישט צו לאזן פארפירן פון די מנהיגים וועלכע זענען מסית דעם יודישן פאלק צו ציונות, דורך זייער שוחד וואס האט זיי פארבלענדט די אויגן.

זייער א סאך פיילן זענען געשאסן געווארן אויף דעם רבי'נס אדרעס צוליב זיינע געוואגטע ארויסטריטן קעגן דעם דעת פון די גאנצע וועלט מיט אלע מנהיגי הדור. מ'האט אים מבזה געווען און באשמוצט כאחד הריקים, שאל אביך ויגדך די זקני החסידים שיחיו לאויט"א וועלכע דערציילן נאך היינט מיט ווייטאג די געוואלדיגע צער ועלבון התורה וואס דאס האט גורם געווען פאר רביה"ק זי"ע ממש לא יאומן כי יסופר אבער דער הייליגער רבי איז געשטאנען פעלזן פעסט, ווייטער צו פארשפרייטן די אמת'דיגע אמונה בה' ובביאת המשיח, און מאיר עינים געווען פאר טויזענטער אידן באור תורת אמת, און אזוי ארום זיי געראטעוועט פונעם נעץ פון מינות רח"ל.

## דער רעיון פון מחבר זיין א ספר

אין יענע שווערע יארן איז אויפגעקומען דער געדאנק פארן רבי'ן זי"ע אפ צו שרייבן א חיבור מבאר צו זיין די ענינים עפ"י התורה א בירור פון ש"ס ופוסקים, ווייל נאר א תורה'דיגער בירור קען באווייזן אויפצוקלערן דעם אמת פאר די וועלכע זוכן דעם אמת.

עטליכע יאר האט זיך דער רבי זי"ע געקווענקלט צי ער זאל ארויסגעבן א חיבור איבער די ענינים וועלכע זענען נוגע די מדינה און די בחירות, און ווען דער רבי איז געווען אין א"י בשנת תשט"ו און האט אנגעפירט די מערכה צו אסר'ן די בחירות צום "כנסת", האט הגאון הצדיק ר' אשר זעליג מרגליות זצ"ל, געבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל ארויסגעבן א חיבור מבאר צו זיין די ענינים, און א יאר שפעטער, שנת תשט"ז, שרייבט אים דער רבי אין א בריוו, געדרוקט אין "דברי יואל" מכתבים (ח"א מכתב פ"ח).

וזתד"ק: אז איבער דעם וואס מיר האבן אמאל געשמועסט צו מאכן א חיבור וועגן דעם ענין פון די בחירות, אזוי איז געווען טאקע בדעתי, אבער די גרויסע טירדות שטערן מיך, און אויסער דעם איז ער מסופק צי עס איז כדאי צו דרוקן, אזוי ווי דער חת"ס זצ"ל שרייבט אין א תשובה (ח"ו), ווען ער האט אנגעפירט די מלחמה קעגן די מתחדשים וואס זיי האבן געברענגט ראיות פון די תוה"ק, שרייבט דער חתם סופר, אז צו דרוקן א חיבור איז ער זיך מונע ווי ווייט מעגליך, ווייל דורכדעם וואס מיר דרוקן, דרוקן זיי אויך פארקערט חיבורים מברר צו זיין פארקערט, און די הכרעה בלייבט ביי די יושבי קרנות, און אזוי זעען מיר היינט אז זיי דרוקן ממש נארישקייטן

און זיופים ממש, און זיי זענען מטהר דם שרץ נישט מיט ק"ן טעמים נאר אויך אן קיין שום טעם וריח, און דאך זענען די יושבי קרנות מכריע אזוי ווי זייערע ווערטער. בעו"ה רובא דרובא אויך פון די תלמידי חכמים בזמנינו ווערן נמשך נאך דעם דעת פון די יושבי קרנות.

אבער דאך איז בדעתי צו דרוקן א בירורן של דברים, און איך קלער אז אפשר וועט ארויסקומען דערפון א תועלת. אין למדין מן הכללות. דער עיקר טעם וואס איך האב נאך נישט געשריבן איז וועגן די טירדות, ווייל עס נעמט א סאך צייט עס אראפצושרייבן, אשר בעו"ה אין עיתותי בידי. אבער דאך, בין איך זיך נאך נישט מסיח דעת דערפון. אפשר וועט מיר נאך השי"ת העלפן אז עס וועט נאך אמאל זיין א זמן מוכשר איך זאל קענען שרייבן וועגן דעם עטליכע ענינים, עכ"ל.

## די סיני מלחמה

די צייט דערויף איז געקומען א יאר שפעטער, שנת תשי"ז, נאך די ביטערע "סיני מלחמה" ווען די אידישע וועלט איז ווייטער פאר'כישופ'ט געווארן פון די ציוניסטישע נצחונות פון "כיבוש סיני", וואס טראצדעם וואס לויטן באפעל פון די אמעריקאנער רעגירונג האבן די ציונים געדארפט צוריקטרעטן פונעם גאנצן כיבוש און ס'איז ביי זיי גארנישט פארבליבן פון גאנצן נצחון, איז אבער דאך די גאנצע אידישע וועלט בשעתו באגייסטערט געווארן פון די כלומר'שטע נסים ונפלאות וועלכע האבן צוגעצויגען די הערצער פון אידן און געווארן נאך מער פארגלייבט אין די ציוניסטישע עבודה זרה.

עס איז באקאנט די תורה ביי שלוש סעודות וואס דער רבי ז"ל האט דעמאלט געזאגט וויא ער האט מברר געווען כמה ענינים פון די מלחמה נישט נתפעל צו ווערן פון דעם נצחון פון די ציניסטישע ארמייען.

דאס שכרות וואס האט דעמאלט געהערשט אין די אידישע גאס איז געווען אויסערגעווענליך גרויס. דעמאלט האבן מערערע רבנים און עסקנים, ובראשם הגה"צ רבי הלל ליכטענשטיין זצ"ל אב"ד קראסנא, הגה"צ ר' אברהם שלמה כ"ץ זצ"ל אב"ד ריסקעווע, שטארק מפציר געווען דעם רבי'ן אז ער זאל אר'ויסגעבן א חיבור, צו עפענען די אויגן פון אידן אז מען זאל זען דעם אמת, נישט צו ביקן זיך צו די פינסטערע ע"ז.

במשך יענע יארן פלעגט דער רבי יעדן טאג צווישן מנחה ומעריב שטיין אין קליינעם בית המדרש און אויסהערן דעם עולם וואס פלעגן צוריק קומען נאך א טאג ארבעט און מיט ברענגען מיט זיך פעק מיט קשיות אויף די שיטה וואס פארשידענע מענטשן האבן זיי געפרעגט במשך דעם טאג, דער רבי האט זיך אראפגעלאזט צו יעדן איינעם און אים מסביר געווען די עניני אמונה בטוב טעם ודעת ביז יענער האט דאס פארשטאנען עד שהיה ברור לו כאחותו און געהאט וואס צו ענטפערן, דאס האט אראפגענומען פיל צייט פון רבי'ן ס עבודה און דאס האט אויך געברענגט דעם רבי'ן ער זאל מאכן זיין החלטה צו שרייבן דעם ויואל משה.

## ומשיב בדבר ה'

עטליכע יאר בעפאר די צווייטע וועלט קריג, האט מען אנגעפרעגט דעם רבי'ן זכרונו לברכה פון פארשידענע שטעט, אויב מען זאל זיך מתחבר זיין צו די אגודה, דער רבי ז"ל האט דאן געענטפערט איבעראל א בריוו מכתב יד קדשו אז חלילה וחס מען זאל נישט האבן קיין שייכות מיט די אגודה.

הגם דער רבי איז נישט געווען קיין לייכטע שרייבער אין אסאך בריוו וואס מען האט אים אנגעפרעגט חוות דעת קדשו אויף פילע שאלות זענען געליגן א לאנגע צייט ביז דער רבי האט געענטפערט דערויף, אבער אינטערסאנט איז אז דעמאלטס ווען עס איז געווען נוגע די שאלה פון די אגודה האט דער רבי געשריבן עטליכע תשובות מכי"ק, מיט זעלבן תוכן, מסביר צו זיין דעם חומר הענין מתחבר צו זיין מיט די אגודה.

אין איין תשובה ווערט ברייט אויסגעשמועסט פארשידענע יסודות פון מאמרי חז"ל ודברי הראשונים וגדולי האחרונים בנוגע התחברות לרשעים אין בנוגע דעם חומר העוון פון עובר זיין אויף די שלש שבועות.

## תורה שבכתב

ווען דער רבי זי"ע האט אנגעהויבן צו שרייבן דעם מורא'דיגן ספר "ויואל משה". האט ער זיך מתמרמר געווען אז פאר די וועלט קריג האט ער געשריבן די לאנגע תשובה אז מען זאל זיך נישט

מתחבר זיין מיט די אגודה, אין די תשובה האט ער שוין געשריבן א בירור פון ש"ס און פוסקים אין עטליכע יסודות פון העברה על השבועות, האט דער רבי געזאגט אז ווען ער האט ווען היינט די תשובה פאר זיך וואלט אים פיל לייכטער געווען אנצוהייבן צו שרייבן דעם ויואל משה ווייל ער וואלט שוין געהאט די יסודות פון די תשובה צוזאם געשטעלט און אזוי וויא ער האט ביי די קריג פארלוירן די תשובה מוז ער יעצט אנהייבן מבראשית מיט די אלע יסודות בנוגע די ענינים.

אגב: בחסדי השי"ת איז לעצטענס געפונען געווארן די תשובה און איז אפגעדרוקט אין ספר מושיען של ישראל חלק ז', מען זעט אין די תשובה די זעלבע יסודות און מקורות וואס דער רבי נוצט אין דעם ויואל משה אז ווערן שוין דערמאנט אין די תשובה.



ערשטן בלאט כתב יד קדשו פון די תשובה

## עבודת הקודש עליו בכת"ב ישא

רער רבי ז"ל האט זיך אפגעריסן פון די אומצאליגע טרדות וועלכע האבן אים ארומגענומען, אזוי וויא דער רבי שרייבט ביי אן אנדערע געלעגנהייט "ובקושי גדול אוכל לחטוף עתות קצרות למלאכת הכתיבה" ממש לא יאומן כי יסופר וויפיל טרדות ס'איז אלץ געלעגן אויף זיינע הייליגע פלייצעס אנצופירן די הנהגה פון די גאנצע אידישע וועלט בכלל ובפרט, אויסער די הנהגה פון די אייגענע קהילה און מוסדות החינוך וועלכע האבן זיך דעמאלט שטארק אנטוויקעלט, און די גאנצע לאסט ברוחניות ובגשמיות איז דעמאלט געליגן אויף זיינע פלייצעס. דער רבי זי"ע האט דעמאלט געבויט דאס אידישקייט אויפן הארטן באדן פון אמעריקע, אנשטויסענדיג זיך אויף מכשולות ביי יעדן טריט און שריט אין די אמעריקאנער גאס עקסטער דעם איז ער נאך געווען שטארק טרוד לבנות הנהרסות, ער האט זיך פערזענליך אפגעגעבן מיט די אלע יתומים וועלכע זענען געווען אודים מוצלים מאש און מרן הק' איז געווען פאר די אלע א אב רחמן כאשר ישא האומן את היונק.

## ראש מערבות ישראל

אין דער זעלבער צייט האט ער אנגעפירט בפועל מערכות פון דעם מלחמה לד' בעמלק קעגן די ציוניסטישע ממשלה, צו באקעמפן זייערע גזירות און עקירת הדת, און צו דער זעלבער צייט איז ער געווען ווי אן אב רחמן פאר טויזענטער צעבראכענע נפשות וועלכע האבן געקלאפט אויף זיין טיר, און זיי ארויסגעהאלפן ברוחניות ובגשמיות, שטענדיג איז ער געווען פארנומען מיט שאפן געלט פאר די אומצאליגע פארשידענע צדקה צוועקן. צו דעם אלעמען האט אויך די פערזענליכער עבודת השם, די הכנות לתפלה און די תפלות פארנומען גאר א גרויס חלק פונעם טאג, און ממש נישט געהאט קיין איבעריגע מינוט, און דאך האט ער זיך דעמאלט אראפגעריסן צייטן און זיך פארשפארט אויף שעה'ן אין זיין צימער כדי אפצושרייבן דעם ספר "ויואל משה" צו ראטעווען דערמיט די אמונה שלימה פונעם דור.

דער רבי זי"ע וועלכער איז געווען דער גאון הגאונים, דער גרויסער מחדש בפלפול ובחריפות, האט נישט גענומען די צייט ארויסצוגעבן זיינע חיבורים אין פלפול. דער פוסק הדור וועלכער האט געשריבן תשובות להלכה אין אלע מקצועות התורה האט זיך נישט אפגעגעבן צייט צו דרוקן זיינע

שאלות ותשובות. דער גרויסער בעל דרוש ואגדה וועלכער האט שטענדיג געזאגט תילי תילים אין דרוש ואגדה, האט זיך נישט אפגעגעבן צייט צו דרוקן זיינע ספרי דרוש, נאר פארקערט ער האט נאך אין יענע יארן קוים מסכים געווען צו דרוקן אויסצוגען פון זיינע הייליגע תורות. ער האט זיך אבער יא אפגעגעבן און אריינגעלייגט אלע זיינע כוחות ארויסצוגעבן א חיבור משרה צו זיין אמת ואמונה אין די הערצער פון אידישע קינדער.

דער רבי פלעגט זיך אין יענע יארן בשעת'ן שרייבן דעם חיבור פארשפארן אין זיין צימער אויף שעות ארוכות אין די נאכט שעה'ן, און דאס זעלבע אין די פרימארגען שעה'ן פון פאר'ן דאווענען, און אנווארענען די משמשים אז מען זאל קיינעם נישט אריינלאזן, כדי מ'זאל אים נישט שטערן.

## אש לפניו תלך

בשעת'ן שרייבן האט מען געקענט מערקן דורך די שפארעס ווי פארקאכט דער רבי זי"ע איז געווען. דאס פנים האט אים געפלאמט בשעת ער האט געשריבן דעם הייליגען ספר. אפטמאל פלעגט ער שפאנען אין צימער ארויף און אראפ פארקאכטערהייט ווי א פארוואונדעטער לייב, און צומאל אין מיטן שרייבן פלעגט ער אויסברעכן מיט א יאמערליך געוויין ווען ער האט באוויינט דעם בראך פונעם אידישן פאלק און דאס אויגן פארבלענדעניש פון אידן, און די געוואלדיגע סכנה ברוחניות ובגשמיות וואס ווערט פראקטעצירט פאר אידישע קינדער דורך די פאלשע מנהיגים, און דער עיכוב הגאולה וואס דאס פאראורזאכט, ס'איז מעכב דעם ביאת המשיח צו וואס ער האט אזוי געלעכצט כל ימיו.

בשעת'ן שרייבן האט זיך ביים רבי'ן אנגעהויפענט אויפן טיש צענדליגער ספרים וועלכע ער האט אלץ געהאלטן אין איין ארויסנעמען נאכצוקוקן, און אזוי האט דער רבי זי"ע מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה אפגעשריבן מיטן בלוט פון זיין הארץ דעם ספה"ק והנורא "ויואל משה".

## תאיר באור יום חשכת לילה

עס האט פארציילט הרה"ח ר' יוסף מרדכי קאהן [קליין] ני"ו פון די הויז בחורים, אז דער רבי

פלעגט שרייבן דעם ויואל משה מיט גרויס דביקות ביז אין די גאר שפעטע שעה'ן, עס האט זיך אמאל געטראפן אז דער רבי האט זיך פארזוימט מיט'ן שרייבן ביז די לעצטע מינוט'ן וואס מען האט נאך געקענט דאווענען מנחה.

אראפגייענדיג אין ביהמ"ד האט דער רבי באגעגענט ידידו הגאון ר' אברהם קאלמאנאוויטש זצ"ל דער מיר'ער ראש הישיבה, וואס איז געקומען באזוכן דעם רבי'ן, דער רבי האט אים געזאגט אז ער יאגט זיך ווייל ער דארף נאך דאווענען מנחה, האט ר' אברהם געפרעגט דעם רבי'ן, דער רבי האט נאך נישט געדאווענט מנחה, מיר האבן שוין ג'דאווענט מעריב? האט אים דער רבי גענטפערט מיט א שמייכל "מיר ארבעט'ן צו מאכן פון נאכט טאג, אין אנדערע מאכן פון טאג נאכט" (כמובא בספה"ק).

## ברכא דכולא בי'

אין דעם חיבור "ויואל משה" ליגט א געוואלדיגער בקיאות פון ש"ס און אלע מקצועות התורה, און א חכמה נפלאה מלאכת מחשבת ווי אזוי צוזושטעלן א מקור פון חכז"ל צו יעדן ענין וואס איז עולה על הפרק, ווי הגאון האדיר ר' פנחס עפשטיין זצ"ל ראב"ד ירושלים עיה"ק, האט געזאגט ווען ער האט געזען דעם "ויואל משה", אז די אלע ענינים זענען ביי אים אויך קלאר, נאר וואס דען, צוזושטעלן יעדע גמרא צו יעדן ענין מיט אזא וואונדערליכע חכמה און בקיאות, דאס וואלט ער נישט געקענט באווייזן. ער זאגט נישט קיין שום זאך מיט זיין אייגענע סברא, אפילו יעדע הוה אמינא איז געבויט אויף א מאמר חז"ל, האט דער ראב"ד באוואונדערט.

איינער פון די רבנים האט אפילו געזאגט בדרך צחות אז ער ווייסט נישט אין וועלכן ספרים שאנק אריינצולייגן דעם ויואל משה, ווייל די ספרים זענען ביי אים מסודר עקסטער די הלכה ספרים און באזונדער די דרוש ספרים און די פלפול ספרים א.א.ז.וו. ווידער דער ויואל משה איז א כרכא דכולי' בי אלעס איז דא אין ויואל משה.

## נתיעץ באחרים

דאס שרייבן פונעם ספר האט געדויערט איבער צוויי מיט א האלב יאר. יעדעס ווארט איז

איבערגעזיפט געווארן בי"ג נפה, אויסגערעכנט מיט א געוואלדיגן ישוב הדעת ומתינות. דער רבי האט בענוות קדשו זיך אויך אדורכגעשמועסט מיט אנדערע רבנים תלמידי חכמים וגאונים. ער האט געגעבן דעם חיבור אדורכצוקוקן פאר פארשידענע רבנים ת"ח, אזוי ווי הגה"צ צבי הירש מייזליש אב"ד ווייטצען, און הגה"צ ר' ישכר בער ראטענבערג זצ"ל אב"ד וואדיסלאוו און יבלח"ט הגאון ר' שמואל הלוי וואזנער שליט"א, און נאך אנדערע רבנים און גאונים צווישן זיי הגה"צ ר' נתן יוסף מייזעלס שליט"א אב"ד אבני שלמה במאנסי (וואס איז נאך דעמאלט געווען א יונגערמאן) וועלכע ער האט געבעטן אז זיי זאלן אדורכקוקן זיין חיבור און מעיר זיין זייערע הערות דערויף.

עס דערציילט הג"ר נתן יוסף שליט"א דאס איינמאל האט מען געשמועסט מיט'ן רבי'ן אויב עס איז כדאי ארויסצונעמען פון ויואל משה מיט אנדערע ספרי רבינו די שארפע קנאות'דיגע שטיקלעך און דאס אפדרוקן באזונדער, בכדי צו פארלייכטערן פאר'ן ליינער ער זאל זיך נישט ברויכן פלאגן אויף די בירורים און פלפולים.

האט דער רבי נישט געלאזט און ער האט מסביר געווען אז איינער וועט זען בלויז די שארפע שטיקלעך וועט ער מיינען אז איך האב בטבע א נטיה צו שארפקייט דעריבער בין אלעמאל נוטה לחומרה, אבער אין אמת איז נישט אזוי ווייל איך האב מיך געפלאגט אויף יעדן בירור מברר צו זיין די מקורות און יסודות פון יעדע זאך און איך האב נישט געשריבן פון דעם הרגש הלב.

פרק ב'

# לשמי' יקירא קדישא

## דער נאמען ויואל משה

דער נאמען פונעם חיבור האט דער רבי א נאמען געגעבן נאך א סאך ישוב הדעת מיטן נאמען "ויואל משה", ווי ער שרייבט זיינע טעמים אין די הקדמה, ווייל "ויואל" איז א לשון שבועה, און די "שלש שבועות" האבן מיר נאך בקבלה פון משה רבינו, און אויך דער נאמען "ויואל משה" איז צוזאמענגעשטעלט פון זיין נאמען צוזאמען מיט זיין זיידן דעם ישמח משה'ס נאמען, וועלכער האט שטענדיג איינגעריסן אויף די גאולה, און דער חיבור איז דאך געשטעלט אויף די עניני הגאולה.

דער רבי זי"ע האט דערציילט ברבים ביים עריכות השלחן חוה"מ סוכות, אז זייענדיג נאך א קליין קינד, ווען ס'איז אמאל געווען די אושפיזא דמשה רעיא מהימנא, האט אים זיין פאטער הרה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע געזאגט ער זאל געבן צו שטייער אזוי ווי ס'איז געווען דער מנהג ביים קדושת יו"ט אז די וועלכע טראגן דעם נאמען פון די אושפיזא קויפן פירות אין די נאכט פון די אושפיזא. האט ער געפרעגט, "איך הייס דאך נישט משה", האט אים זיין פאטער געענטפערט, "עס שטייט דאך "ויואל משה". און דער רבי האט אויסגעלאזט, אז זעט אויס אז דער טאטע האט שוין דעמאלט געזען אז איך האב א שייכות מיטן "ויואל משה".

דרך אגב איז כדאי אנצומערקן אז דער רבי ז"ל איז געבוירן י"ח טבת תרמ"ז וואס פאלט אויס אין פרשת שמות וויא מען לייענט אין די תורה די ווערטער "ויואל משה לשבת את האיש".

דעם נאמען "ויואל משה", האט געשריבן הרה"ג המקובל רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל,

אין בריוו נאכן ערשיינען פונעם ספר "ויואל משה", (א העתק דערפון איז געדרוקט אינעם ילקוט "אוצרות ירושלים", חלק קט"ו), אז אים איז בייגעפאלן נאך א גוטן טעם פארוואס השי"ת האט אריינגעגעבן אין דעת פון רבי'ן זי"ע אנצורופן דעם ספר מיטן נאמען "ויואל משה".

ווייל לויט ווי דער אריז"ל שרייבט אין ליקוטי תורה פ' ואתחנן, קומט די נשמה פון משה רבינו בסוד עיבור יעדע פופציג יאר אין נשמה פונעם צדיק הדור וועלכער איז לוחם קעגן דעם ערב רב, ווייל משה רבינו האט אנגענומען דעם ערב רב אינעם כלל ישראל, דערפאר דארף ער נאכאמאל אראפקומען אויף דער וועלט לוחם צו זיין אקעגן זיי. דערפאר איז דער נאמען פונעם ספר פון רבי'ן "ויואל משה", זיין נאמען בצירוף מיטן נאמען פון משה רבינו עליו השלום.

ס'איז אויך מערקווירדיג אז דער סעמיהאלער רב הגה"צ רבי יודא גרינפעלד זצ"ל אין זיין כתב סמיכה וואס ער האט געגעבן פארן רבי'ן זי"ע אלס בחור, האט ער אנגעהויבן מיט די ווערטער "ויואל משה לשבת על התורה ועל העבודה".

## מדפיס ועולה

עס האט דערציילט הרה"ח ר' סענדער דייטש ע"ה, וואס דער רבי האט אים ממנה געווען אין יאר תשל"ב אלס ראש הקהל דקהל יטב לב ומנהל מוסדותינו הקדושים, וואס האט זיך אפגעגעבן מיט'ן דרוקן דעם ספר ויואל משה דאס ווען דער רבי ז"ל האט אים געזאגט אז ער גיט א נאמען פאר דעם ספר "ויואל משה", האט ער געברענגט פאר דעם רבי'ן א ספר פון א ספרדישן גדול וואס הייסט אויך "ויואל משה", האט זיך דער רבי צושמייכלט אין אים געזאגט בדרך צחות "און דו מיינסט אז עס איז נאר דא איין סענדער דייטש"...

ר' סענדער ע"ה שרייבט אין זיין ספר בוצינא קדישא אז ער האט אנגעוויזן פארן רבי'ן אז דער ישמח משה ז"ל ברענגט אין פרשת לך א מאמר "יואל משה" פון דעם רמ"ע מפאנו ז"ל.

## מוסיף והולך

ר' סענדר ע"ה פלעגט ארויפקומען צום רבי'ן אין שטוב און איבער נעמען די כתבי יד קדשו פונע'ם

רבי'ן, אין דערפון אויפזעצן די עמודים, אויף די גרויסע "לינא-טייפ מאשינען" וואס פלעגן ארויסגעבן אזעלעכע לאנגע בויג'נס "גאלי'ס בלע"ז" און פלעגט דאס אריבערברענגן פאר'ן רבי'ן וואס דאס האט געמאכט פיל גרינגער פאר'ן רבי'ן צו זעהן ווי די ארבעט האלט.

אבער ווען ר' סענדר פלעגט צוריק קומען צום רבי'ן נעמען פרישע כתבי ידות האט ער געטראפן די געלי"ס אנגעשריבן פיל מיט הגהות און חידושים וואס דער רבי האט אלעמאל מוסיף געווען און צוגלייגט, אויף דעם וואס איז שוין געווען מסודר אויף די עמודים.

## דיו הנוטף מעט"י הבת"ב

די הויז בחורים דערציילן אז די געלי"ס זענען געווען פריש ארויסגעקומען פון די "לינא-טייפ מאשינען" און די טינט איז נאך געווען פייכט, דאס האט געקענט איבערלאזן טינט-פלעקן אויף די הענט, דער רבי האט זייער חושש געווען לטהרת גופו, האט ער דאס אפגעוואשן מיט "בליט"ש וואסער" און איז געווען שטארק פארנומען נאכן מגי"ה זיין די געלי'ס זיך צו רייניגן די פינגער אויב ס'האט זיך נישט אנגעקלעבט א טינט-פלעק.

## פאר וועם האט דער רבי געשריבן דעם ספר

בשעת'ן ארויסגעבן דעם חיבור, האט דער רבי קלאר געזאגט און געשריבן אז ער רעדט זיך נישט איין אז איצט וועלן אלע מודה זיין על האמת און צוריקציען פון זייערע פריערדיגע שיטה, ווייל די וועלכע זענען משוחד קענען סיי ווי נישט זען דעם אמת, און ער קומט זיך נישט מתווכח זיין מיט קיין אפיקורסים, ווייל מ'טאר זיך נישט מתווכח זיין מיט זיי. זיינע ווערטער זענען נאר געצילט פאר די וועלכע זענען מבקשי האמת, וואס די ווערטער וועלן פאר זיי זיין פאר א חיזוק כמים קרים על נפש עייפה.

אויסערדעם שרייבט דער רבי אין די הקדמה פון ויואל משה, אז לא ימלט עס געפינט זיך נאך זיכער ביים כלל ישראל תמימי לב וועלכע זענען מקבל דעם אמת און די ווערטער וועלן אויף זיי מאכן א רושם. כאטש דער רוב איז ליידער פארכאפט, געפינען זיך אבער אלץ יחידים וועלכע

זענען מקבל תוכחה און עס גייט אריין אין זייער הארץ אן אמת'דיג ווארט. פאר זיי וועט נוצן די דברים ברורים וועלכע פארלייכטן זייערע אויגן. כאטש פון די איז דא נאר ווייניג, איז אבער אפילו בלויז איין אידן זייער חשוב און טייער אז מען זאל אים דערלייכטן די אויגן און מעמיד זיין על האמת. דערפאר דארף מען אויסשרייען דעם אמת פאר די גאנצע וועלט.

## ביודעי ומכירי קאמינא

עס האט דערציילט דער וואוידיסלאווער רב זצ"ל, אז ווען דער רבי האט אים געגעבן איבערצוקוקן דעם "ויואל משה", איז ער געקומען זאגען פארן רבי'ן אז דער רבי זאל נישט מיינען אז מ'קען איבערדרייען די מיינונג פון דער וועלט וואס זיי זענען משוחד צו זייערע דיעות, און חסידים טראכטן בכלל נישט און זיי זאגען נאר וואס זיי הערן פון זייער רבי'ן, ממילא קען מען סיי ווי נישט אויפטאן ביי זיי מיט מברר זיין דעם דעת תורה. האט אים דער רבי געענטפערט: איך ווייס אויך דערפון. איך מאך נישט דעם "ויואל משה" נאר פאר מיינע אייגענע מענטשן, פאר אזא איד ווי למשל ר' הערש פנחס מאשקאוויטש פון ירושלים, א.ד.ג (וואס דער וואידיסלאווער רב זצ"ל איז געווען מיט אים פערזענליך באפריינדעט פון לאנדן און עס איז דא חליפת מכתבים צווישן זיי בנוגע דעם רבינ'ס קומען קיין לאנדאן).

## אפילו בלויז פאר איין איד

אין די הקדמה צום "ויואל משה" איז זיך דער רבי מתנצל אז צוליב זיינע פילע טירדות וואס ער איז פאריאגט און פארפלאגט האט ער נישט קיין צייט און קיין רואיג הארץ מסדר צו זיין די זאכן אזוי ווי עס ברויך צו זיין, און אפשר איז עס צומאל געשריבן באריכות און נישט מיט אזא מסודר'דיג לשון, און אפשר צומאל בקיצור, דאך האף איך אז עס וועלן זיך נאך טרעפן מענטשן וואס נאכדעם ווי זיי וועלן מעיין זיין אין די אלע ווערטער וועלן זיי האבן א תועלת פון מיינע ווערטער, און אויב איך וועל מצליח זיין זוכה צו זיין ארויסצושלעפן פון די פארבלאנדזשעניש און די שלעכטע דיעות אפילו בלויז איין איד, איז אלעס ווערט, ווייל אפילו אויב מען זאל נעמען אלע פירצות הדור און די פילע עבירות וועלכע ווערן אפגעטאן אין די גאנצע וועלט און מען וועט עס לייגן אויף איין זייט פונעם וואגשאל,

און די ציוניסטישע מדינה אויפן צווייטן זייט פון דער וואגשאל, וועט עס אלעס איבערוועגן, ווייל דאס איז דער שורש פורה ראש ולענה פון דעם אבי אבות הטומאה שבכל אבות הנזיקין פון דער גאנצער וועלט, און זיי זענען די וועלכע זענען מטמא די גאנצע וועלט.

## באשר סערת הציונים תקום לדממה

נאך א סיבה שרייבט דער רבי אין די הקדמה פארוואס מען מוז ארויסגעבן א ספר, ווייל עס וועט נאך קומען אמאל א צייט ווען דער ציוניסטישער שטורעם וועט זיך אפשטילן, און טאמער וועט איינגאצן פארגעסן ווערן דער דרך האמת, וועט נישט זיין ווער עס זאל משים על הלב זיין, מי יורה דעה ומי יבין שמועה, דערפאר מוז מען אויסשרייבן דעם אמת, ווייל אונזער האפענונג איז, אז עס זענען נאך דא א סאך מענטשן וואס אפילו אויב איצט וועט עס זיי גארנישט נוצן, וועט נאך אבער קומען אמאל א צייט וואס זייערע אידישע הערצער וועלן זיי עפענען די אויגן און עס וועט אנקומען צו זיי די קולות וועלכע קלינגען אפ פון דעם דרך הראשונים וועלכע האבן געזוכט אמת ואמונה. אויב אבער קיינער וועט גארנישט זאגען, ווערט פארלוירן יעדע האפענונג אז מען וועט זיך נאך אמאל עפענען די אויגן.

די דערמאנטע סיבות האבן באוואויגען דעם רבי'ן זכותו יגן עלינו ארויסצוגעבן זיין חיבור "ויואל משה" וועלכע איז געשריבן בעמל ויגיעה, און האט אפגעריסן פון זיינע פילע טירדות א סאך צייט אראפצושרייבן דעם ספר, וועלכע ער האט געענצליך אליין געשריבן, אזוי ווי ער האט געזאגט פאר הגאון בעל "מנחת יצחק" זצ"ל אין שנת תשל"ה, אז "דעם ספר "ויואל משה" האב איך אליין געשריבן יעדן אות פון אנהייב ביזן סוף", און ער האט אויך געזאגט, "קיינער האט מיך נישט אפגעוועגדט און קיינער קען מיך נישט אפווענדן, ווייל די ווערטער זענען מלוקט פון די לשונות הש"ס והפוסקים".

## הקדמות הספר תורה שלימה

די הקדמה צום "ויואל משה" איז א תורה שלימה פאר זיך. פון גאנץ אנהויב שרייבט דארט דער רבי זי"ע, אז ס'איז קלאר אז דער ביטערער חורבן אייראפע ווען עס זענען אומגעקומען מיליאנען

אידישע נפשות, אידיש בלוט איז געווען הפקר, איז אן אפענער עונש אויף די עבירה פון העברה על השבועות, וואס אויף דעם שטייט דער ביטערער עונש פון "אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה". אויך איז דער רבי מבאר אין די הקדמה, אז דער יסוד הכפירה איז דער רעיון פון נעמען א גאולה פאר די צייט בזרוע בשר, און דורכדעם וואס מ'איז פארכאפט געווארן אין די תאוה, איז מען שוין אריינגעפאלן אויך אין דעם איסור פון זיך משתתף זיין מיט די גרעסטע כופרים די עוקרי הדת. דערפאר איז א פליכט מברר צו זיין דעם איסור פון אליין נעמען א מדינה פאר די צייט. אויך איז ער דארט מברר דעם חובת המחאה, אויסצושרייען דעם אמת פאר די וועלט, אפילו ווען עס קאסט מסירות נפש.

## זה השער לד' צדיקים יבואו בו

אויף דעם שער בלאט פונעם ספר וואס דארט ווערט ארויס געברענגט אז דער ספר איז להלכה ולמעשה בזכות אבותי ורבותי הקדושים האט דער רבי געשריבן בעצם כתי"ק.

ביי א געלעגנהייט האט דער רבי אמאהל געזאגט אז ער האט געשריבן בזכות אבותי ורבותי הקדושים בייםווארט "ורבותי" האט ער אינזינען געהאט דעם הייליגן דברי חיים מיט דעם הייליגן חתם סופר ז"ל וואס דער רבי ז"ל האט אויף זיי געקוקט וויא זיינע רבי"ס און ממשיך געווען זייערע הייליגע דרכים.



כתב יד קדשו פון דעם שער בלאט צום ספה"ק ויואל משה

# וואס איז די נוטריקון פון היו"ת

די הקדמה פון "ויואל משה" הייבט זיך אן מיט דעםווארט "היות" ווי אויך די "מאמר ישוב ארץ ישראל" אין די "מאמר לשון הקודש". מען דערציילט א מערקווירדיגע זאך, אז איינער פון די משמשים האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן אין זיינע עלטערע יארן, אז ער מערקט אז דער רבי הייבט אן דעם "ויואל משה" מיט דעם ווארט "היות", און אויך פילע בריוו הייבט ער אן מיט דעם ווארט "היות", און ס'איז דא וואס זאגן אז דער טעם דערפון איז ווייל עס שטייט אז מען דארף מרמז זיין דעם נאמען פונעם מחבר אין אנהייב פון ספר, "היו"ת" איז די ראשי תיבות ה'קטן יו'אל ת'מר. האט אים אויף דעם דער רבי געענטפערט אז ניין, נישט דאס איז מיין טעם, נאר ווייל "היות" איז די ר"ת "ה'שם י'תברך ו'י'תעלה".

ווי פריער דערמאנט שרייבט די רבי אין די הקדמה צוויי טעמים פארוואס ער האט א נאמען געגעבן פאר דעם ספר "ויואל משה" איינס ווייל ויואל איז פון דעם לשון שבועה אין די שלש שבועות זענען אויך מסיני פון משה רבינו דעריבער פאסט זיך דער לשון ויואל משה.

הרה"ח ר' סענדער דייטש ע"ה ברענגט אין זיין ספר "בוצינא קדישא" אז בשעת דער רבי ז"ל האט געשריבן די הקדמה צו דעם ויואל משה האט אים איינער פון די חשובע אנ"ש הרה"ח ר' פנחס בערקאוויטש ע"ה א מלמד און מרביץ תורה ויראת שמים אין די מוסדות פון רבי'ן ז"ל מעורר געווען איבער דעת תרגום יונתן אין שיר השירים אויף דעם פסוק השבעתי אתכם בנות ירושלים פתח, "לבתר כן אתאמר למשה בנבואה" זעהט מען פון די ווערטער אז דער ענין פון שלוש שבועות זענען געקומען דורך משה רבינו ע"ה, און מיט די ווערטער ויואל משה איז מרומז אז די דריי שבועות וואס השי"ת האט באשווארן די אידן נישט מורד זיין אין די אומות איז געקומען פון משה רבינו ע"ה, ר' סענדער האט דאס איבערגעגעבן פארן רבי'ן ז"ל און דער רבי האט די ווערטער מוסיף געווען אין די הקדמה פון דעם ויואל משה.

דעם צווייטן טעם שרייבט דער רבי און די הקדמה ווייל אין די ווערטער ויואל משה איז מרומז זיין נאמען צוזאמען מיט דעם נאמען פון זיין זיידן דער הייליגער ישמח משה זצ"ל וואס האט כל ימיו משתוקק געווען אויף די גאולה שלימה און וויא ער האט געזאגט אז דערפאר איז ער זיך מוסר נפש אויף די גאולה מער וויא די אנדערע צדיקים ווייל אינו דומה שמועה לראי' אלע צדיקים האבן נאר

געהערט פון דעם חורבן בית המקדש אבער ער האט דאס געזעהן מיט זיינע אויגן ווייל ער איז געווען אין יענעם דור (וויא באקאנט האט דער ישמח משה געהאט די נשמה פון ירמיה הנביא).

## משבית אף וחימה

מיטן ארויסגעבן דעם ספר "ויואל משה", האט דער רבי זי"ע געהאט נאך א ציל, יוצא צו זיין דורכדעם דעם חיוב פון מחאה קעגן דעם גרויסן ניאוץ בה' ובתורתו וואס ווערט אפגעטאן מיט די השתתפות און די הסכמה פון די רעליגיעזע פארטייען, וואס דאס איז א געוואלדיגער חילול שם שמים קעגן די גאנצע וועלט. ס'איז א חיוב מוחה צו זיין קעגן דעם מיט מסירות נפש, אזוי ווי דער רבי איז דאס מברר אין די הקדמה פון ויואל משה. מיטן אפשרייבן דעם ספר, האט דער רבי געוואלט יוצא זיין די מצות מחאה.

די הקדמה ענדיגט זיך מיט הארצרייסענדיגע בקשות צו השי"ת, בזה"ל: "ירחם השי"ת על עמו ישראל בכל מקומות מושבותיהם ויאמר לצרותינו די ואל יוסיפו עוד לדאבה ויהי' תחנונינו קרובים אל ד' אלקינו יומם ולילה להטות לבבינו אליו וללכת בכל דרכיו ולשוב אליו ית"ש מתוך נחת ושמחה בלי צרה ועקתא, ובמהרה יתרומם קרן התוה"ק וישראל, ובתוך כלל ישראל ירחם השי"ת גם עלי הדל והשפל, כי נשבר לבי בקרבי ועומד ומצפה אני אך לרחמי שמים, זכות אבותי הקדושים יגן עלי לישועה ורחמים ויזכני עוד לעשות תשובה שלימה ולעבוד השי"ת בטוב לבב כרצונו ית"ש עדי נזכה לראות במהרה בישועת כל ישראל ושמחתן בב"א".

פרק ג'

# אוריין תליתאי

## מאמר שלש שבועות

דער ערשטער חלק, "מאמר שלש שבועות", איז געווידמעט מבאר צו זיין דעם חומר האיסור פון העברה על השבועות, אז אין דעם רעיון פון העברה על השבועות ליגט מינות וכפירה און מרידה בה' ובתורתו. אפילו ווען די מדינה וואלט זיך געפירט עפ"י התורה איז עס דאך א מרידה וכפירה במלכות שמים. מען טאר זיך נישט בשום אופן באטייליגן אין א כנסת פון אזא מין מלוכה, "אפילו מיטן אויסרייד אז מען וויל מאכן תיקונים אין דת" ספעציעל אז ס'איז דא דערין אויך דער איסור פון א ממשלת עבודה זרה, ווייל זיי היטן אויף אלע תיפלות ובתי ע"ז, וואס מען איז מחוייב עס מבער צו זיין פון ארץ ישראל, און זיי שטיצן נאך גאר די ע"ז. ווי אויך איז די מלוכה געבויעט אויף מינות, ווייל זיי אנערקענען נישט דעם סמכות התורה, און ס'איז אן איסור חמור פון יהרג ואל יעבור צו זיין א חבר אין אזא ממשלה, ספעציעל אז מען איז מחוייב צו שווערן א שבועת אמונים, אז מען איז געטריי צו די מדינה און צו די חוקי הכנסת.

אין דעם מאמר שלש שבועות איז אויך דער רבי מבאר דעם חומר העוון פון נעמען אנטייל אין די ציוניסטישע וואלן די טמא'נע בחירות צום כנסת המינים וואס אויב מען נעמט אנטייל אין די בחירות ווערט מען נכשל אין איסורים פון יהרג ואל יעבור.

אויך איז מבואר אין דעם מאמר, אז מען טאר נישט באאיינפלוסט ווערן פון דעם אז רוב פון די חכמי הדור האלטן אנדערש, ווייל ס'איז דא דערין א סאך סיבות צוליב שוחד און פחד און אלמות פון דור, אז מ'איז ממש באצווינגען מיטצוהאלטן צו שטיצן דעם כח המינות. ער איז דארט מברר דעם ענין פון שכחת התורה וואס איז פאראויס געזאגט געווארן אויף דעם דור, און דעם ענין פון שכחת דרך הבעש"ט.

# יחיד ורבים הלכה כרבים

דער רבי ז"ל ברענגט אין ויואל משה א טרעפליך טייטש, וואס מיר געפינען אין חז"ל אז יחיד ורבים הלכה כרבים, איז דער רבי מדייק, פארוואס שטייט יחיד ורבים הלכה כרבים, אפילו ווען עס איז נישט קיין יחיד נאר אויך א רבים וויבאלד ער האט נישט דעם רוב איז די הלכה ווי די רבים.

ענטפערט דער רבי אז חז"ל ווילן מרמז זיין אז יחיד מיינט מען דעם אייבערשטען "יחודו של עולם" אין ממיינט נישט צו זאגן אז דער יחיד קריגט זיך מיט'ן רבים, נאר "יחיד ורבים" דער יחיד דאס מיינט יחודו של עולם איז מיט'ן רבים, זיי פירן זיך ווי דער רצון השם דעמאלטס איז די הלכה ווי די רבים, אבער אויב דער רבים פירט זיך נישט ווי דער רצון השם איז די הלכה נישט ווי דער רבים.

# מאמר ישוב ארץ ישראל

דער צווייטער מאמר, "מאמר ישוב ארץ ישראל", איז געווידמעט מבאר צו זיין אלע שיטות הראשונים אין דעם ענין פון מצות ישוב ארץ ישראל, רביה"ק שרייבט אויף דעם א בירור נפלא פון ש"ס ופוסקים, ראשונים און אחרונים, און ער איז מבאר אז לכל הדיעות איז די מצוה נישטא נאר אויב מען פירט זיך בדרך התורה אין ארץ ישראל, ווייל אויב מען זינדיגט דארט, זענען די עבירות נאך פיל הארבער ווי אין חוץ לארץ, און אוודאי דורך בויען א מדינה פון כפירה איז מען זיכער נישט מקיים די מצוה פון ישוב ארץ ישראל, און נאר דורכדעם וואס מען שטיצט די ערליכע אידן וועלכע זענען לומדי תורה מתוך הדחק און האלטן זיך מיט מסי"נ ביי די אמונה, מיט דעם האט מען א חלק אין די מצוה. דער רבי איז דארט מבאר י"ג חילוקי דינים קעגן די י"ג עיקרי הדת אין די מצות ישוב ארץ ישראל.

# מאמר לשון הקודש

דער דריטער מאמר, "מאמר לשון הקודש", איז געווידמעט מבאר צו זיין דעם איסור פון זיך באנוצן און לערנען די טמא'נע שפראך עברית, וואס די מינים האבן געגרינדעט און מטמא געווען דערמיט די קדושת לשון הקודש, ווי אויך איז ער דארט מבאר דעם הארבן איסור פון לערנען תורה

מיט פרויען, און נאך פארשידענע ענינים דער מאמר איז געשטעלט אויף א תשובה וואס דער רבי ז"ל האט געשריבן פון פריער פאר הגאון ר' פנחס הירשפרונג זצ"ל אב"ד בעיר מאנטריאל יצ"ו.

## תוכן הענינים



כתב יד קדשו פון תוכן הענינים

נאך יעדן מאמר איז גערדרוקט א "תוכן הענינים" וואס דער רבי ז"ל האט אליין אנגעהויבן צו שרייבן ווען ער איז געפארן אויף די שיף אויף'ן וועג קיין ארץ ישראל אין יאר תשי"ט, דער רבי האט זיך דעמאלט מיט גענומען מיט זיך די בויגן'ס פון דעם ויואל משה און האט אנגעהויבן מסדר זיין א תוכן ענינים, דער רבי ז"ל איז אנגעקומען מיט'ן שרייבן ביז סימן ע"ח, ווען דער רבי איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל האט ער איבערגעגעבן דעם כתב יד קודש וואס ער האט געשריבן אויף די שיף פאר הרה"ח ר' סענדער דייטש ע"ה און האט זיך מתנצל געווען אז ער האט נישט אנגעיאגט מער צו שרייבן ווייל די פילע טירדות ערלויבן אים נישט ממשיך צו זיין מיט די ארבעט, דעריבער האט דער רבי געבעטן פון ר' סענדר דייטש ע"ה ער זאל דאס פארענדיגן, דער רבי האט ביי עטליכע פלעצער צוגעלייגט הוספות אויפן מאמר. ווי אויך האט ר' סענדער ע"ה געמאכט א הערליכן מפתח, א מפתח אויף ספרים און א מפתח הענינים.

## תרעא לדרתא

ר' סענדער דייטש ע"ה דערציילט אין זיין ספר בוצינא קדישא אז דער רבי האט אים נאכדעם

אפגעגעבן א ספעציעלן דאנק פאר זיין ארבעט איבער דעם תוכן הענינים וואס ער האט געמאכט פאר דעם ויואל משה, און דער רבי האט אים געזאגט אז דער תוכן הענינים און דער מפתח איז גוט געשריבן און אז ער אליין באנוצט זיך אויך מיט דעם מפתח.

## א זכות צום יום הדין

נאך דערציילט ר' סענדר דייטש ע"ה, אז דאס דרוקן פונעם ספר "ויואל משה" איז פארטיג געווארן בשלהי שנת תשי"ט, בעפאר ראש השנה, נאר ס'איז נאך נישט געהאט ארויסגעקומען פון דרוק געבונדענערהייט, אבער דער רבי האט נישט געהאט קיין מנוחה און האט נישט נאכגעלאזט זיין פאדערונג אז ער וויל נאך זען דעם ספר געבונדענערהייט נאך פאר ר"ה שנת תש"ך, ער קען אנדערש נישט אריינגיין אין די ימים נוראים, ער האט געוואלט האבן דעם זכות פון דעם ספר, אזוי אז ר' סענדר און אנדערע מיטהעלפער האבן געדארפט דעם גאנצן ערב ראש השנה שווער ארבעטען ביז ס'איז זיי געלונגען ארויסצוקומען מיט עטליכע געבונדענע בענדער, און ווען ער האט עס געברענגט פארן רבי'ן ערב ר"ה נאכמיטאג, האט זיין פנים אויפגעשיינט פאר זיין אויסגעוועגליכער שמחה, און ער האט געגעבן א זאג א ווערטל, "אה, ס'איז שוין ארויסגעקומען? איך קען שוין נישט עפעס צולייגען".

## רישומו ניכר

ווען דער ספר איז ערשינען אנהויב ווינטער שנת תש"כ, האט דאס פאראורזאכט א שטארקן שטורעם אין די אידישע וועלט, און ווי עס פארשטייט זיך, האט עס ארויסגערופן בייז בלוט און פארדאמונגען ביי א סאך קרייזן, אבער צו דער זעלבער צייט האט עס געמאכט אן אויסערגעוועגליכן פאזיטיוון רושם ביי טויזענטער בני תורה אין אלע קרייזן. די השפעה פון "ויואל משה" האט אריינגעדרינגען אין גאר ווייטע קרייזן ביי מענטשן וועלכע האבן געזוכט דעם אמת, און אפילו אין געוויסע פרעמדע חסיד'ישע קרייזן זענען די בני תורה אנטציקט געווארן פון דעם חיבור, און ס'האט פארענדערט זייער השקפה.

אין א שמועס פונעם רבי'ן זי"ע מיט הרב משה חיים אפרים בלאך ז"ל, הערט מען ווי ער האט געזאגט פארן רבי'ן, אז דער רבי וואלט געדארפט מער ברענגען פאקטן פון דעם פאקטישן חלק פון די ציונים פון דעם היטלער חורבן ווי זיי האבן געשטערט די הצלה, און אויך מער פאקטן פון זייער פארפוילטער פירערשאפט. האט אים דער רבי געענטפערט אז פאקטן זענען טאקע זייער א וויכטיגע זאך, נאר וואס דען, צום "המון עם" מעגט איר ברענגען פאקטן וויפיל איר ווילט, ס'איז "דבר אל העצים ואל האבנים", ס'איז נישט דא צו וועמען צו רעדן, זייערע אויגן זענען פארבלענדט, ווייל זיי ווילן אזוי, און די שטארקסטע ראיות און פאקטן וועלן נישט איבערדערשען זייער השקפה. די איינציגע צו וועם ס'איז דא וואס צו רעדן זענען די בני תורה, נו, צו זיי דארף מען דאך קומען מיט א תורה'דיגן בירור, און דאס האט איך אויפגעטאן מיטן "ויואל משה", און לויט ווי איך זעה האט עס פיל מער אויפגעטאן ווי איך האב מיך גערעכנט, ווייל איך האב געקלערט אז עס וועט בלויז אויפטאן פאר יחידים, און פאר דעם איז עס אויך כדאי, דערווייל האלט איך אין איין באקומען בריוו פון מערערע בני תורה אז דער ספר האט זיי מאיר עינים געווען.

דער ספר "ויואל משה" איז אנגענומען געווארן אלס א ספר יסוד פאר תורה און אמונה. ערליכע מאמינים בה' ובתורתו שעפן פון דארטן חיזוק פאר די אמת'דיגע אמונה. מען טרעפט דארט אן ענטפער אויף אלע שאלות און ספיקות פאר די שווערע פראבלעמען און די נסיונות פון דעם דור, וואס אלעס איז ערקלערט באר היטב אין דעם ספר.

## מי יודע מה יולד יום

ס'איז פארהאן א שמועס פון רבי'ן זי"ע, פון שנת תשכ"ז, אינמיטן די "זעקס טאגיגע מלחמה", ווי ער שמועסט מיט הגאון ר' נתן יוסף מייזעלס שליט"א, ווען מען האט געשמועסט פון דעם פרישן בלבול המוחות וואס די מלחמה האט פאראורזאכט אויך ביים היימישן ציבור, האט זיך דער רבי אויסגעדרוקט, אז אין אמת'ן, אין "ויואל משה" שטייט שוין אלעס, ווען מען זאל נאר גוט קוקען קען מען דארט טרעפן א תשובה אויף די אלע שאלות און בלבול המוחות, נאר מחמת דעם קצרות הדעת איז מען נישט משים על הלב, און מען איז ווידערשאמאל צעמישט. איך וועל ווייטער דארפן זאגן און מסביר זיין דעם ענין, און מיט דעם אלעם בין איך נאך נישט פארטיג, ומי יודע מה יולד יום, אין דעם היינטיגען דור פון בלבול המוחות.

## טמעתתין מתבדרין בעלמא

עס איז ביים רבי'ן זי"ע געווען גאר א גרויסע שמחה ווען ער האט געהערט אז א געוויסער איד איז נתעורר געווארן פונעם "ויואל משה" און האט אנערקענט דעם אמת. דאס איז ביי אים געווען כמים קרים על נפש עייפה.

עס דערציילט איינער פון די משמשים בקודש, אז איינמאל אין די לעצטע יארן איז צום רבי'ן אנגעקומען א בריוו פון זיינעם א געוועזענעם תלמיד נאך פון אינדערהיים, וואו ער שרייבט מיט ביטערנישט, אז דורך דער צייט האט ער געהאט א געוואלדיגע ירידה און ער איז שטארק פארקראכן פון דרך האמת, און ער איז נתפס געווארן צו ציונות, און ער פארשטייט אליין נישט ווי אזוי עס איז מעגליך אז דעם רבי'נס א תלמיד זאל אזוי פארקריכן. ער האט זיך דערמאנט וואס ער האט אמאל געהערט פון רבי'ן ביי א תורה, אויסטייטשענדיג דעם פסוק אין איכה, "ותרד פלאים", אז אויף דעם אז ס'איז דא א ביטערע ירידה איז הפלא ופלא ווי אזוי עס האט געקענט קומען צו אזא גרויסע ירידה. דער איד שרייבט, אז ער האט שטארק געבלאנדזשעט ביז ער האט געזען דעם רבי'נס ספר "ויואל משה" און דאס האט אים מעורר געווען לתשובה צו די אמת'דיגע אמונה, און ער וויל זיך צוריקקערן צום דרך האמת.

ווען דער רבי האט געזען דעם בריוו, האט ער אויפגעלאכטן און געזאגט מיט שמחה, "איך שרייב אין די הקדמה צום 'ויואל משה' אז אפילו דער ספר וועט פועל'ן נאר ביי איין איד איז ווערט די גאנצע טירחא, דא זע איך טאקע ווי דער ספר האט ב"ה מעורר געווען א איד לתשובה".

## ברוך טבחר בהם ובמטנתם

ס'האט אמאל געטייטש א גדול, שנו חכמים בלשון המשנה ברוך שבחר בהם ובמשנתם, ווייל עס איז דא געוויסע מענטשן וואס ווילן אפטיילן דעם גדול פון זיין תורה, ער שעצט און איז שטארק און מכבד די תורה פון דעם גדול, אבער אין זיין תורה איז ער מזלזל, דערפאר זאגט די משנה "ברוך שבחר בהם ובמשנתם" געבענטש איז דער וואס וועלט אויס אין דעם גדול אין אויך אין זיין תורה, ער טיילט נישט אפ דעם גדול פון זיין תורה.

ס'איז אינטערעסאנט צו דערציילן וואס פאר א חשיבות דער "ויואל משה" האט געהאט ביים רבי'ן ז"ל זעלבסט, עס איז ארומגעגאנגען צווישן אנשי שלומינו א מעשה אז א געוויסע משפחה וואס האט זיך נישט אנגעקערט מיט די גוטע פריינט פון רבי'ן ז"ל זענען אמאהל אריין צום רבי'ן אין שטוב און האבן מיט טרערן אין די אויגן געבעטן און מפייס געווען דעם רבי'ן, אז זייער ראש המשפחה איז ל"ע קראנק געווארן, ער איז דאס תולה ווייל ער האט מזלזל געווען בכבודו פון רבי'ן דעריבער ווילן זיי מפייס זיין דעם רבי'ן, דער רבי זאל אנוואונטשן ער זאל האבן א רפואה שלימה. - דער רבי האט דאס אוועק געמאכט אז ער האט חלילה נישט קיין הקפדה אויף קיינעם, עס איז גארנישט, זיי זאלן זיך נישט צו טוהן מאכן.

ביז איינער פון די משפחה האט זיך אנגערופן אז דער ראש המשפחה האט מזלזל געווען אין כבוד פון דעם ספר ויואל משה, ווען דער רבי האט דאס דערהערט האט ער זיך אנגערופן: דאס איז שוין עפעס אנדערש, איך האב געמיינט ער האט גערעדט אויף מיר, איך בין גארנישט, אויף מיר אז ער רעד איז גארנישט, אבער אויף דעם ויואל משה איז שוין עפעס אנדערש, זיי האבן שטארק מפציר געווען דעם רבי'ן, און דער רבי האט זיי מוחל געווען און אנגעוואונטשן א רפואה שלימה.

## ללמוד תועים בינה

ס'איז געווען דעם רבי'נס רצון אז אנ"ש, זיינע תלמידים וחסידים, זאלן קובע זיין שיעורים אין דעם ספר "ויואל משה". עס האט דערציילט הרה"ח ר' בנימין צבי בערקאוויטש נ"י, בשעתו דער מנהל פון בית רחל, אז איינמאל ביי א שמועס האט דער רבי ציטירט פאר עמיצען א געוויסע ענין פון וועלכע ער שמועסט אין "ויואל משה", ווען ער האט געזען אז יענער ווייסט נישט דערפון, האט ער אים געפרעגט פארוואונדערטערהייט, "איך ברענג דאך דאס אין ויואל משה?" האט יענער געענטפערט, "איך האב נאך ש"ס און פוסקים אויך נישט אדורכגעלערנט", האט אים דער רבי געענטפערט, "אפילו מען קען נאך נישט קיין ש"ס ופוסקים דארף מען דורכלערנען און קענען דעם "ויואל משה", ווייל דארט איז מבואר יסודות פון די אמונה וואס זענען וויכטיג פאר דעם דור".

## די שמחה ביי יראי ד'

די שמחה ביי ערליכע אידן ווען דער ויואל משה איז ארויס געקומען קען מען נישט שילדערן מיט ווערטער, אידן זענען געווען דערהויבן און אויפגעלאכטן אז דער ויואל משה איז ארויס לאור עולם וכי

מילתא זוטרתא היא עס איז דא א חיבור פון רבי'ן וואס מען קען כסדר לערנען, ובפרט אנשי שלומינו אין בית המדרש האבן געהאלטן ממש יום טוב, ווען מען האט אריינגעברענגט די ערשטע ספרים אין בית המדרש צו פארקויפן איז דער עולם געשפרונגען אויף די טישן פאר שמחה, יעדער האט געוואלט זיין פון די ערשטע זוכים צו האבן דעם ויואל משה ביי זיך.

דער שרייבער פון די שורות האט דעמאלט געלערנט אין חדר ביי הרה"ח ר' ישעי' ראזענבערג נ"י, עס איז געווען פרשת וירא וויא עס שטייט אין פסוק הנה נא הואלתי לדבר זאגט רש"י הואלתי כמו ויואל משה, די מלמדים זענען אלע געווארן איבערגענומען און אלע האבן גערעדט צו די קינדער זאלן וויסן אז דאס נייע ספר פון רבי'ן הייסט ויואל משה און דאס ספר איז תורה מהשמים וכו', די מלמדים זענען געלאפן מיט שמחה קויפן דעם ויואל משה איינער פון די זקני המלמדים א תלמוד חכם וי"ש האט דעמאלט געזאגט: רש"י קומט אונז דא דערמאנען אז דער ויואל משה איז שוין ארויס לאור עולם און מען דארף דאס שנעל גיין קויפן.

כ"ק אדמו"ר מספינקא זצ"ל ברענגט אין זיין ספר "תפארת צבי" פרשת וירא אז ער געדענקט נאך די גרויסע שמחה וואס איז געווען אז דער ויואל משה איז ארויס לאור עולם, אידן האבן געדאנקט השי"ת אז די הייליגע דיבורים זענען געווארן א תורה שבכתב און ער איז מאריך מיט דעם חיוב אז מען דארף קובע זיין שיעורים אין דעם ספר.

**וז"ל: הספרים הקדושים ויואל משה וכו' מכ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר זללה"ה ששם מבוארים הדברים ביותר האיך לעמוד על נפשינו בכל עת וזמן, ואני זוכר שבעת שיצאו לאור הספרים הקדושים האלו שמחתי מאוד, ונתתי שבח והודאה להשי"ת שהי' בעזרינו בחסד עליון שבאו דברים הלל לבירור בכתב ותכתב זאת לדור אחרון למען ידעו הדרך שהלכנו בו אנו ואבוה"ק.**

נאכדעם ווי דער "ויואל משה" איז ארויסגעקומען, האט א געוויסער היימישער רב אמאל שב"ק ביים רבי'נס טיש געשטעלט צען פלעשלעך ביר לכבוד די שמחה אז דעם רבי'נס ספר "ויואל משה" איז ארויסגעקומען. האט דער רבי געפרעגט, "וואס איז אייער שמחה אזוי גרויס? איר האט דען ביז איצט נישט געוואוסט אז דאס איז דער דרך האמת?" האט יענער רב געענטפערט, "איך האב ביז איצט אויך געוואוסט אז דאס איז דער אמת, איך האב נאר נישט געוואוסט פארוואס." האט דער רבי זי"ע דעמאלט געזאגט פאר זיין משב"ק הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ע"ה וואס איז דעמאלט בייגעווען, זעסט, אפילו היימישע רבנים וואס האבן געוואוסט דעם דרך האמת, פאר זיי איז אויך דער ויואל משה א תועלת!

## תורת אמת

עס דערציילט דער פשעווארסקער רבי שליט"א, אז זיין זיידע הרה"ק רבי איציק'ל מפשעווארסק ז"ע, וואס כידוע איז נישט געווען זיין דרך צו זאגן דברי מוסר ברבים, אבער ביי די זעקס טאג'יגע מלחמה ווען דער ציוניזים האט געברענט אויף די העכסטע שטופע, האט ער שב"ק ביים טיש גענומען דעם ספר ויואל משה" און געקוקט דערין א לענגערע צייט, געמישט אהער און געמישט אהין, און צום סוף האט ער צוגעמאכט דעם ספר און געגעבן א קוש און אויסגערופן, "אלעס וואס עס שטייט אין דעם ספר איז תורת אמת".

## א רמז אויף דעם ויואל משה

דער קאמארנער רבי הגה"צ ר' חיים יעקב סאפרין זצ"ל האט געזאגט א רמז אויף דעם ספר ויואל משה, אין פרשת וירא שטייט ויאמרו אליו איה שרה אשתך, דרש'נען די חכז"ל אין בבא מציעא ארץ אזוי ברענגט רש"י עס איז געפינטלט אויף די אותיות אי"ו פון דעם ווארט אליו, קען זיין א רמז ווייל דאס אות וי"ו האט דריי מילואים, וא"ו וי"ו ו"ו, די דריי מילואים זענען מרמז אויף קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד הוא, ווייל "וא"ו" איז בגי' דרייצן כמספר אחד, דאס איז א רמז אויף קוב"ה, "וי"ו" איז בגימ' כ"ב כמספר אתוון דאורייתא, און "וו" איז בגי' צוועלף כמספר י"ב שבטים, און די אלע דריי מילואים זענען בגי' אלי"ו, וואס איז די זעלבע אותיות ווריא "יואל", און "משה" איז די נשמת התורה איז דא רמז אויף דעם ויואל משה.

## מפי הגבורה שמענו

הרה"צ המקובל ר' מנחם שלמה טויב זצ"ל אדמו"ר מקאלוב, האט צוגעשריבן אויפ'ן שער בלאט פון זיין 'ר' יואל משה': ויוא"ל מש"ה זענען די ר"ת א'נכי ו'לא י'הי' ל'ך מ'פי ה'גבורה ש'מענו, ווייל אין דעם ספר ווערן מבואר די יסודות פון די אמת'ע אמונה בהשם ובמשיחו.

## במסורה מסיני

הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זצ"ל אבד"ק ווייצען, האט אמאל אויסגעשריגן אין א דרשה ביים כינוס כללי פון די "התאחדות הרבנים", סיון תשל"א, אז ער האט שוין דורכגעלערנט ברבים דעם ויואל משה" עטליכע מאל, און איז גרייט זיך מתווכח צו זיין מיט יעדן וואס פרובירט אפצואווענדן

דעם ספר, ווייל אלעס וואס עס שטייט אין דעם ספר איז תורת אמת לאמיתו כמסורה מסיני.

## דער חובת הלבבות פון אונזער דור

דער ירושלים'ער רב הגאון בעל "מנחת יצחק" ז"ל, שרייבט אין זיין הסכמה צום ספר "מושיען של ישראל", אז אין דעם חשכות הדור מיט פילע נסיונות פון דעם שלטון הערב רב, התגברות הכפירה, און די חבלי משיח, איז רביה"ק אראפגעקומען צום פאלק כדי זיי צו לערנען דעם דבר ה' זו הלכה, און ער האט מחבר געווען זיין הייליגען ריזיגן ספר "ויואל משה" וואס איז דער "חובת הלבבות" פונעם לעצטן דור. דרשו מעל ספר ה', וקראו אחת מהנה לא נעדרה, הוא קבצם והוא חיברם, כאשר שמעתי מפי קדשו בעת היותי בביתו נאוה קודש בהאי לישנא: **"הספר 'ויואל משה' כתבתי ערכתי והגהתי מתחלתו ועד סופו". וזאת התורה לא ימוש מפינו ומפי זרעינו עד עולם. והי' כל הנשוך מארס הזמן ותחלואיו והביט אל ספה"ק הזה וחי.** עכ"ל.

## משה אמת ותורתו אמת

דער ירושלים'ער רב הגאון בעל מנחת יצחק זצ"ל, האט אין זיין דרשה, כ"א כסליו תשל"ה (געדרוקט אין "אוצרות ירושלים" - חלק קנ"א), מסביר געווען אז אלע נסיונות וואס זענען אדורך אויף יוסף הצדיק זענען אויך אדורך אויף רבינו הקדוש, ווייל נישט נאר די סיטרא דמסאבא זענען געווען זיינע שונאים, נאר אפילו גדולים אנשי שם וועלכע מ'קען זיי אנרופן "אחי יוסף" זענען אויך געווען מתנגדים צו זיין שיטה. "איך האב אמאל געפרעגט איינע פון די גדולים צו ער האט שוין געזען דעם ספה"ק "ויואל משה", האט יענער געענטפערט, אז וויבאלד ער איז נישט פון די שיטה, וויל ער נישט אריינקוקן דערין. איך האב אבער געקלערט אז ער האט מורא אז אפשר וועט ער דארט געוואויר ווערן דעם אמת, עס וועט אים קלאר ווערן אז ער איז געגאנגען אין דעם נישט ריכטיגען וועג. אבער היינט זענען שוין אלע מודה און זענען משבח די הייליגע ווערטער פון רביה"ק אין זיין ספר "ויואל משה", ער האט געזען פון אנהויב מיט זיינע הייליגע אויגען דאס וואס אנדערע זעען היינט, און מען קען ממליץ זיין אויפן ספה"ק "ויואל משה" - "משה אמת ותורתו אמת".

## לית ליה פירכא

אין יאר תשל"ה איז דער מנחת יצחק געווען אין אמעריקע אויף א באזוך ביי רבינו הק' ז"ל דער שמועס האט זיך פארצויגן ארום דעם מצב אין ארץ ישראל, אז פיל זענען שוין היינט מודה אז דער רבי איז גערעכט געווען און ער האט געזעהן ווייטער און פריער וואס אנדערע האבן זיך שפעטער געכאפט דערויף.

דער רבי האט דעמאלט געזאגט פאר דעם מנחת יצחק בזה"ל: פון דעם טאג וואס איך האב געשריבן דעם ויואל משה איז שוין דורכגעלאפן פופצן יאר, איך האב נישט געזעהן ווער עס זאל דאס אפפרעגן כדרכה של תורה במשא ומתן של הלכה, און באמת קען מען דאס נישט אפפרעגן ווייל אלעס וואס איך האב געשריבן האב איך צוזאם גענומען מתורתם של ראשונים און די גדולי האחרונים די פריערדיגע צדיקים שמפיהם אנו חיים איז ווער קען אפפרעגן די אמתע דיבורים.

האט דער מנחת יצחק זצ"ל געזאגט פאר דעם רבי'ן ז"ל אז די דיבורים פון רבי'ן זענען קילורין לעינים און ווער עס זוכט דעם אמת קען נישט מכחיש זיין אפילו איין ווארט וואס דער רבי איז מברר אין ויואל משה.

## בא חכם אחד

דער מנחת יצחק האט צוגעלייגט אז באמת איז דאס געווען די מיינונג פון אלע גאונים וצדיקים פון די פריערדיג דורות נאר און אונזערע צייטן האבן די ציונים געמאכט אזא בלבול הדעת אין די וועלט אז זיי קענען נישט כאפן דעם אמת'ן דעת תורה, און דער רבי איז דער וואס האט אויפגעשטעלט דעם עול תורה אין די פינסטערע תקופה ובא חכם אחד והציל בחכמתו את כל העולם.

## הגה"צ מראדזין זצ"ל

אין ניו יארק האט געוואוינט דער ראדזינער רבי הגה"צ ר' ירוחם ליינער זצ"ל, ער איז געווען א ברודערס א זוהן פון הגה"ק ר' גרשון העניך זצ"ל דער ראדזינער רבי וואס איז באקאנט געווארן

אין די וועלט מיט דעם "תכלת" און מיט זיין ספר "סדרי טהרות". דער ראדזינער רבי איז געווען א גאון עצום און גאר שטארק מעריך געווען דעם רבי'ן ז"ל ער פלעגט יעדן זומער ארויספארן אויף אפרוה קיין שעראן ספרינגס נהנה צו זיין פון רבי'ן ז"ל און פארברענגען בנועם שיח מיט רבי'ן בכל מקצועות התורה.

ווען דער ויואל משה איז ארויס געקומען האט דער ראדזינער רבי פיל עוסק געווען אין דעם ספר און האט אפגעשריבן א בריוו צום רבי'ן זיין בריוו לייגט זיך וויא פאלגענד:

**ב"ה יום ב' וארא כ"ה טבת תשכ"ב**

**אורך ימים ושנות חיים ושלום למע"כ הגאון הקדוש לוחם מלחמות חובה רבי יואל שליט"א טייטלבוים יצ"ו**

**אחדשכתה"ר בכה"ר, קבלתי את ספרו הבהיר ויואל משה, וכבר אמרו חז"ל דברים שאלמלא נכתבו דין הוא שיכתבו, ובפרט בדורינו זה בעקבתא דמשיחא, וכשה"כ וימים רבים לישראל ללא אלקי אמת וללא כהן מורה וללא תורה (דבה"י ב' ט"ו) ברוך הוא וברוך טעמו ועוד ינוב בשיבה דשן ורענן בחצרות בית ד'.**

**והנני בזה לרשום איזו דברים הנוגעים לספרו היקר עמש"כ וכו'**

און דער ראדזינער רבי צייכנט אן אינטרעסאנטע הוספות צום ויואל משה פון פארשידענע מקורות פון די ראשונים און פון זיין משפחה דער בעל התכלת און אנדערע אז זיי האבן אויך געהאט די זעלבע שיטה וויא דער רבי בעניני התבדלות מרשעים וכו'.

## ובתורתו יהגו

אין די היימישע ישיבות אין אמעריקע און ארץ ישראל האבן תלמידים קובע געווען שיעורים אין ויואל משה אין געלערנט דעם ויואל משה בעיון, עס זענען געגרינדעט געווארן חבורות ויואל משה וואס האבן זיך מייגע געווען אויף דעם ויואל משה, אין פילע בתי מדרשים פון אנ"ש האט מען אנגעהויבן שיעורים ברבים אין ספר ויואל משה, אידן עלטערע און יונגערע מיט בחורי הישיבות האבן געלעכצט צו הערן דעם דבר ד'.

פרק ד'

# ספר היסוד

## די השפעה אויף די היימישע קרייזן

אין משך פון די יארן איז אויך פארווירקליכט געווארן די נבואה וועלכע דער רבי שרייבט אין די הקדמה פון "ויואל משה", אז עס וועט נאך קומען אמאל א צייט ווען דער ציוניסטישער שטורעם וועט אמאל איינגעשטילט ווערן און עס וועלן זיך נאך טרעפן מענטשן וועלכע וועלן דעמאלט זוכן דעם אמת, דערפאר דארף מען דאס אראפשרייבן כדי מען זאל דארט קענען טרעפן דעם דרך אמת.

## חי אנכי לעולם

דאס האבן מיר געזען אויך אין די יארן נאכן הסתלקות פון רבינו הקדוש, ווי דער ספה"ק "ויואל משה" האט געשלאגען ווארצלען אין די ווייטע קרייזן. מען האט אנגעהויבן איינצוקויפען דעם ספר "ויואל משה", אויף א גרעסערן פארנעם אויך אין קרייזען וואו מען האט דאס ארגינעל נישט געוואלט לערנען אדער וויסן דערפון. איצט האט יעדער אנגעהויבן איינצוזען אז דער "ויואל משה" דארף זיך געפינען אין יעדע אידישע שטוב, און מען האט עס טאקע אויך אנגעהויבן צו לערנען.

הונדערטער מענטשן זענען נתעורר געווארן צוריקצוקומען צום דרך האמת דורך זיינע ווערטער, וויל אין די איצטיגע תקופה האט זיך דער ציוניסטישער ברען שוין היבש אויסגעלאשן, נאכדעם ווי דער מזל פון זייער הצלחה שפילט שוין נישט אזוי גוט, און מערערע מענטשן פון פארשידענע קרייזן, אשכנזים און ספרדים, זענען נתרגש געווארן זעענדיג דעם רבי'נס ווערטער. עס האט זיך אנגעצונדן

אין זיי דאס פייער צו ערוועקן אנדערע אידן אויך צוצוקומען צום דרך האמת, אויפצושטעלן אידישע דורות בדרך האמת.

אזוי אויך שעפן מערערע בעלי תשובות פון פארשידענע קרייזן, ספרדים און אשכנזים, חיזוק פון דעם ספר, און אפילו הינטער דעם "אייזענעם פארהאנג" אין רוסלאנד, האט אויך אריינגעדרינגן דער ספר "ויואל משה". עס זענען דא מערערע בעלי תשובה דארט וועלכע קלאמערן ארום דעם "ויואל משה". דער כח הקדושה האט א השפעה איבעראל, אן קיין גרעניצן, אין אלע צייטן.

## ועבשיו ביותר

אין זיין דרשה אין ירושלים, שב"ק פ' דברים, שנת תשי"ט, האט דער רבי דערמאנט, אז ער האט נישט געפלאנט יעצט צו רעדן וועגן דעם ענין פון "בחירות" מכמה טעמים. ראשית, ווייל בקרוב וועט אי"ה ערשיינען אין דרוק א ספעציעלער חיבור (געמיינט דעם חיבור "ויואל משה") אויף די ענינים און דארט וועט שוין אלעס ערקלערט ווערן באר היטב, און נאך וועגן עטליכע טעמים האב איך געקלערט נישט צו רעדן וועגן דעם, נאר אזוי ווי איך האב געהערט זאגען, אז איך האב געענדערט מיין מיינונג אין די ענינים, מוז איך מודיע זיין אז אלעס וואס איך האב געזאגט אין די ענינים איז ביי מיר קלארער און זיכערער געווארן מיט טויזנט טעמים נאך מער ווי פריער, און יעדן טאג זע איך אלץ מער און מער דעם אמת וואס ס'איז דא דערין.

ווען דער רבי זי"ע איז געפארן קיין ארץ ישראל שנת תשכ"ה, האט דער רבי געזאגט בעפאר ער איז געפארן, פאר הרה"ח הנדיב הידוע ר' ישראל זופניק ז"ל, אז דאס מאל וועט ער אינגאנצן נישט דרש'נען וועגן זיין באקאנטע שיטה קעגן ציונות, ווייל ווילאנג ער האט נישט מפרסם געווען וועגן דעם א בירור הלכה פסוקה אין א ספר, בין איך מחוייב געווען שטענדיג צו דרש'נען און לאזן הערן פארן פאלק אין אלע מקומות וואו איך בין געקומען, דעם אומגעפעלשטן דעת תורה אין דעם ענין. אבער זייט איך האב ארויסגעגעבן דעם "ויואל משה", וואס דארט איז שוין מבורר דער גאנצער ענין הלכה למעשה און פעסטע הוכחות, איז ווער עס וויל וויסן דעם אמת, איז דער ספר אפן פאר אים. דערפאר זע איך מער נישט קיין וויכטיגקייט אז איך זאל דארפן האלטן א סאך דרשות וועגן דעם, ובפרט אז דער וואס האט אויגן און איז שוין דורכגעגאנגען דעם חיבור,

אנערקענט און ווייסט שוין דעם אמת. ב"ה זייער א סאך מענטשן האבן אנערקענט ווער ס'איז גערעכט.

## דער שטורעם אין דער וועלט

ווען דער ספר "ויואל משה" איז ערשינען, האט עס פאראורזאכט אן אויסערגעוועגליכן שטורעם אין די אידישע וועלט. שוין אפגערעדט פון די פרייע ציוניסטישע קרייזן אויף וועלכע אזא סארט ספר קעגן מדינת ישראל איז געווען דער גרעסטער פארברעכן און פארראט. זייער כעס איז גאר גרויס געווען און עס איז געווען א תקופה פון יארן ווען ס'איז פארבאטן געווען צו דרוקן דעם ספר אין ארץ ישראל.

אבער נאך מער האבן געשטורעמט די רעליגיעזע ציוניסטן פון אלע פארטייען, וואס זיי האט עס צום מערסטן געטראפן אין פינטעל אז עס איז ערשינען א תורה'דיגער בירור אז דער עקזיסטענץ פון די מדינה איז א מרידה במלכות שמים, און אז מען טאר נישט זיין קיין שותף אין אזא ממשלה. דאס וואס ביי זיי איז געווען פארעכנט ווי די גרעסטע מצוה, ווערט אין דעם ספר אפגע'פסק'נט ווי אן איסור פון "יהרג ואל יעבור". זיי האבן אנגעהויבן צו שיסן דערויף זייערע גיפטיגע פיילען. זיי האבן געשאטן פעך און שוועבל קעגן דעם הייליגען ספר. אין געוויסע פלעצער האט מען גאר פארברענט דעם הייליגען חיבור.

דער רבי ז"ל שרייבט פאראויס אין די הקדמה פון "ויואל משה", ווי פאלגענד: איך ווייס אז די שיסער וועלן שיסן חצים ובליסטראות אן א שיעור אויף די אלע ווערטער וועלכע איך שרייב, ווייל אזוי איז געווען דער דרך פון די ציונים פון אייביג, און נאך מער די רעליגיעזע וועלכע זענען נאכגעשלעפט נאך זיי, אז זיי גיסן אויס שאנד, בוז וקלון, חירופים וגידופים, מיט שרעקליכע סטראשונקעס, שקרים וכזבים אויף יעדן וואס וויל נישט נאכגעצויגען ווערן נאך זייערע דיעות און גייט נישט אין זייער פיסטריט. זיי זענען מגלה פנים בתורה שלא כהלכה מיט פיל נארישקייטן אן א שיעור, כי אין קץ לדברי רוח. אבער איך לויב השי"ת וואס ער האט מיר געגעבן די עצה אז איך זאל מיך בכלל נישט רעכענען מיט אלע זייערע ווערטער וואס זענען כאפס וכאין המוחלט. איך האף צו השי"ת וואס ער העלפט און ליינט אונטער, אז מ'קען אויפלייכטן די אויגן פון די וואס האפן צו זען דעם אמת. השי"ת

זאל מיך מזכה זיין אז עס זאל נתקדש ווערן שם שמים על ידינו, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, ומלאה הארץ דעה את ה', בב"א.

## חצים ובליסטראות

עס זענען אין יענע תקופה ערשינען מערערע באשרייבונגען אין די צייטונגען פון די רעליגיעזע ציוניסטישע קרייזן, ספעציעל פון די "מזרחי" קרייזן, וואו זיי האבן געשענדעט און געלעסטערט דעם "ויואל משה" אויפן פרעכסטן אופן, און עס זענען ארויסגעקומען מערערע חיבורים פון מגלי פנים בתורה שלא כהלכה מכלומר'שט אפצואווענדן דעם בירור פונעם "ויואל משה", מיט שטותים און הבלים און מיט זיופים נוראים. ס'איז ספעציעל באקאנט דער אויסגעשפראכענער דיקער בוך "התקופה הגדולה" וואס איז בעיקר געווידמעט אפצואווענדן דעם "ויואל משה", און אויפצואווייזן אז היינט איז די תקופה פון אתחלתא דגאולה. געוויסע אדמורי"ם וועלכע זענען געווען געכאפט אין ציונות האבן אים געהאלפן פארפאסן דעם חיבור וועלכע איז אנגעפיקעוועט מיט כפירה פון דעקל צו דעקל.

אזוי זענען אויך ערשינען מערערע באשרייבונגען אין קונטריסים און תשובות פון רבנים וועלכע האבן זיך געוואלט פארמעסטן אפצואווענדן די בירורי הלכות פונעם "ויואל משה", וואו זיי זענען מגלה פנים שלא כהלכה, און האבן אויסגעדרייט מאמרי חז"ל און ווערטער פון ספה"ק זה בכה וזה בכה, יעדער אויף אנדערן אופן, איינער עפ"י נגלה און דער אנדערער עפ"י נסתר און דער אנדערער עפ"י חסידות.

ס'איז דעמאלט ערשינען א בוך מיטן נאמען "חסידות וציון", מיטן ציל מברר צו זיין אז עפ"י חסידות מעג מען יא האבן א מדינה, און אז די מדינה איז אן "אתחלתא דגאולה". זיי האבן ציטירט אויסגעזויגענע מימרות פון פארשידענע צדיקים, און ספעציעל פון הייליגען ריזשינער זצ"ל און זיינע קינדער, כאילו זיי וואלטן געזאגט פאראויס אז עס וועט זיין אן אתחלתא דגאולה'דיגע מדינה. מיט דעם האבן זיי געוואלט אפווענדן דעם בירור פון ש"ס ופוסקים פון "ויואל משה". און לכבוד דעם ערשיינונג פון דעם אפיקורס'ישן בוך האבן זיי ארגאניזירט עפענטליכע דעמאנסטראציעס קעגן דעם "ויואל משה".

דאס זעלבער האט א געוויסער ספרד'ישער מחבר איבערגעדרוקט דעם ספר "פרדס רמונים"

פונעם רמ"ק זי"ע, און אין די הקדמה האט ער צונויפגעקליבן פון ספרי קבלה כאילו דארט שטייט אז מען איז מחוייב איינצונעמען ארץ ישראל עפ"י דרך הטבע און נישט ווארטן אויף א גאולה מן השמים. ער האט געפעלשט און אויסגעדרייט פארשידענע מאמרים כדי צו דינען דעם תכלית און מברר זיין אז די מדינה איז אן אתחלתא דגאולה. דער זעלבער מחבר האט נאכדעם ארויסגעגעבן א בוך מיטן נאמען "לך לך", וועלכער איז געצילט מברר צו זיין מיט פארשידענע פעלשונגען פון ספרים די כח הנסים פון די אתחלתא דגאולה'דיגע מדינה, און ער פרובירט אפצואווענדן דעם "ויואל משה" און "על הגאולה ועל התמורה".

## הגה"צ משאפראן זצ"ל

דער שאפראנער רב, הגה"צ ר' שמעון ישראל פאזען זצ"ל, איז ארויסגעקומען מיט א שארפן מאמר וועלכער איז געדרוקט אין זיין ספר "תורת אל"ף" (ח"ב מכתב ל"א), וואו ער שרייבט שארף קעגן די חוצפה פון אריינלייגן אין די ווערטער פון פריערדיגע צדיקים כאילו זיי זענען ח"ו נוטה צו דעם רעיון הציוני, צו נעמען פון די ספרי זוה"ק און די חכמי אמת, צו פעלשן זייערע ווערטער מיט זיופים נוראים אריינצולייגן אין זיי דברי מינות. ער ווייזט דארט אויף מערערע זיופים אין זייערע ווערטער.

דער שאפראנער רב שרייבט, אז ווער עס לייענט זיינע ווערטער פארשטייט אז דער גאנצער גיפט איז קעגן דעם ספה"ק "ויואל משה", נאר אזוי ווי ער האט נישט געטראפן קיין שום סתירה צו די אמת'דיגע ווערטער וואס שטייען דארט, ווייל ווער עס פארשטייט נאר פירוש המלות קען נישט אנדערש טייטשן די גמ' אין סוף כתובות וועגן די שלש שבועות, האט אבער דער כופר אויסגעטראפן א נייע זאך, אז עפ"י סוד קען מען טייטשן די גמרא פארקערט, און ער שרייבט אז די שבועה איז, אז מ'זאל אויסלייזן דאס לאנד פאר יעדן פרייז אין דער וועלט עד כי מסירת נפש. שרייבט דער שאפראנער רב, אז ס'וועט נישט זיין קיין חידוש אין מיינע אויגען אויב מארגען וועט ער מברר זיין אז ישראל קדושים זענען נזהר נישט ארויסצוזאגען פון מויל א זאך וואס זיי קלערן אז ס'איז נישט אמת, איז נאר דוקא ווייל זיי לערנען נישט קיין תורת הסוד, דערפאר טייטשן זיי בפשטות דעם פסוק "מדבר שקר תרחק" אז מען טאר נישט זאגען קיין ליגען, אבער עפ"י סוד איז דער פשט פארקערט, אז טאמער וועט דאס בלייבן באהאלטן דעמאלט מעג מען יא זאגען אנדערש ווי דער אמת.

ער שרייבט אז ווער עס קויפט דעם ספר "הפרדס" דארף אויסלייזען דעם עשוק מיד עושקו און ארויסרייסן די בלעטער פון די דאזיגע הקדמה, כדי דער קדוש דער רמ"ק זי"ע זאל נישט זיין איינגעבינדן אין איין באנד מיט דעם מנאץ דבר ה', ובזכות זה נזכה להתקרבות הגאולה בב"א.

## די שיטה פון ש"ס ופוסקים

די אלע ביכלעך און קונטרסים האבן נישט געמאכט קיין שום רושם אויפן אידישן ציבור. אפילו ביי אזעלכע וואס זענען נישט געווען פולשטענדיג איינשטימיג מיט די שיטה פון רבינו הקדוש, האבן זיי אבער נישט געקענט פארדייען די גראבע דברי מינות פון די ביכלעך וועלכע ווילן אהערשטעלן א מדינה פון שמד און כפירה אז דאס איז גאר אן אתחלתא דגאולה. אפילו אזעלכע וועלכע האבן געהאלטן אז מען דארף זיך באטייליגען אין די בחירות אין כנסת, די וואס האבן געשטיצט די אגודה, האבן דאס אויך נאר געזאגט אלס אן ענין פון עת לעשות לה' הפרו תורתך, אן "עבירה לשמה", אבער נישט אז די מדינה איז א ישועה פארן כלל ישראל.

עס דערציילט א תלמיד פון הגאון ר' שניאור קאטלער ז"ל, אז ר' שניאור האט אים געזאגט, די וועלט באצייכענט דעם סאטמארער רב'ס דרך אלס א "שיטה", אבער אין אמת'ן איז דאס נישט קיין שיטה, ער האט דאך דאס מברר געווען אין "ויואל משה" פון ש"ס ופוסקים, ראשונים ואחרונים, און דאס איז אמאל געווען דער דעת פון אלע גדולי ישראל. פארקערט, אונזער וועג, דער וועג פון די אגודה, דאס איז א נייע שיטה. מ'האלט אז לויט די היינטיגע אומשטענדן דארף מען טאן אן עבירה לשמה, און ראטעווען וואס מ'קען, בוחר זיין דעם רע במיעוטו וכדו', דאס איז א נייע שיטה. אבער דעם סאטמארער רב'ס שיטה, דאס איז די שיטת הש"ס והפוסקים און דער דרך ישראל סבא.

## ונלחמו אליך ולא יוכלו לך

עס איז מערקווירדיג אז ביזן היינטיגען טאג, כאטש ס'איז איבער זעקס און פערציג יאר זינט דער "ויואל משה" איז ערשינען, קענען דאך נאך אלץ נישט די רעליגיעזע ציונים פארדייען דעם הייליגען

ספר. עד היום דרוקן זיי נאך מאמרים אין זייערע צייטונגען מכלומר'שט אפצואווענדן דעם "ויואל משה", כאילו זיי פילן אז דער ספר שטערט זיי זייער וועג, און טראץ וואס די וועלט איז פול מיט דברי מינות ואפיקורסות, איז ביי די רעליגיעזע ציונים וויכטיגער זיך צו פארלייגען קעגן דעם "ויואל משה" אפילו מיט שטותים והבלים וואס קיינער איז נישט מקבל.

מען זעט בחוש דעם כח הקדושה פונעם ספר "ויואל משה", אז כאטש קיינער פראפאגאנדירט נישט פאר דעם ספר, און קיינער נעמט זיך נישט אפילו די מיה אפצואווענדן די דברי הבל ורעות רוח פון די פארשידענע מסיתים ומדיחים למיניהם, דאך גיט זיי דער ספר נישט קיין מנוחה, ס'מאכט זיי פילן אן אומצופרידנהייט מיט זייערע קרומע דרכים, אזוי ווי דער הייליגער לובלינער זי"ע טייטשט אויס דעם פסוק אין ירמי', ונלחמו אתך ולא יכלו לך, עס שטייט נישט "ולחמו" אתך לשון פועל, נאר "ונלחמו" בלשון נפעל, ווייל די קדושה פונעם צדיק מאכט אז די רשעים זאלן ביי זיך אליין האבן א מלחמה, עס זאל הערשן ביי זיי אן אומצופרידנהייט פון זייער דרך, דאס איז זיי מבלבל זייערע קרומע דרכים, דערפאר האבן זיי אזא שנאה צום צדיק, דאס איז דער טייטש, "ונלחמו אתך", אז דורך דיר וועלן זיי האבן ביי זיך אליין א מלחמה, דורך דעם וועלן זיי האבן א שנאה צו דיר, אבער דאך, "ולא יכלו לך" זיי וועלן דיר דאך נישט קענען בייקומען בע"ה.

## וזאת התורה לא תהא מוחלפת

דאס זעען מיר בחוש, אז טראץ די שטענדיגע העצרייען פון די מסיתים ומדיחים וועלכע זענען מחרף ומגדף דעם "ויואל משה", דאך שטערט זיי די קדושה פון דעם ספר אין זייער וועג עד היום. דער כח הקדושה פון דעם ספר האלט זיך אין איין מער פארשפרייטן. דער וואס זוכט דעם אמת טרעפט דאס אין "ויואל משה", און עס מערן זיך פארשידענע קרייזן אשכנזים, חסידים, ספרדים, וועלכע טרונקען מיט דארשט יעדעסווארט פון דעם הייליגען ספר, און זיי גייען לאורו.

דער פאלטיטשאנער רב, הגה"צ ר' ישראל אברהם שטיין זצ"ל, האט אמאל געזאגט אין א דרשה, ווען איינער פון די חסיד'ישע ציוניסטישע פירער האט אפגע'חוזק'ט פון יהדות החרדית, זאגענדיג אז דער "ויואל משה" איז ביי זיי א פערצענטער "אני מאמין", האט דער פאלטיטשאנער רב געזאגט, דער "ויואל משה" פארקערפערט אין זיך אלע דרייצען אני מאמינ'ס ווייל דאס איז מחזק די אמת'דיגע

אמונה. ביי זיי פעלט דער "אני מאמין שזאת התורה לא תהא מוחלפת", די גאנצע תורה און דער דרך פון די פריערדיגע צדיקים וועלכע האבן באקעמפט ציוניזם און התחברות לרשעים ווערט ביי זיי אויפגעטרישט. תורה חדשה מאתם תצא. ביי זיי איז דא א נייע תורה אין היינטיגען דור. ביי אונז עקזיסטירט נאך די אלטע תורה. מיר גלייבן נאך באמונה שלימה אז די ווערטער פון די פריערדיגע צדיקים וועלכע האבן באקעמפט דעם ציוניזם, זענען חיים וקיימים. מיר גלייבן באמונה שלימה "שזאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא יתברך שמו".

## לב חכם לימינו

נאכדעם ווי דער "ויואל משה" איז ערשינען, האבן געוויסע חסי'ישע קרייזן שטארק געשטורעמט קעגן דעם רבי'נס ווערטער, ווייל דער רבי שרייבט דארט אז עס איז נשתכח געווארן דער דרך הבעש"ט. דער רבי האט דעמאלט געזאגט, ס'איז הפלא ופלא, א פאר בלעטער פריער שרייב איך דארטן אין "ויואל משה" באריכות פון דעם ענין פן שכחת התורה, וואס די גמרא זאגט "עתידה תורה שתשתכח מישראל" און קיינער נעמט זיך נישט אן פארן עלבון התורה, עס ארט קיינעם נישט אז די תורה איז פארגעסן געווארן פונעם דור. נאר אז מען זאגט אז דער דרך החסידות איז פארגעסן געווארן, דאס ארט זיי אזוי שטארק.

דער רבי האט געזאגט א ווערטל. די וועלט זאגט אז "לב חכם לימינו ולב כסיל לשמאלו" איז דער טייטש, אז א חכם קוקט אין אידישע ספרים וועלכע עפענען זיך אויף די רעכטע זייט, אבער א כסיל קוקט אין נישט אידישע ספרים וועלכע עפענען זיך אויף די לינקע זייט, ווייזט אויס אז זיי האבן דעם "ויואל משה" נישט געעפנט פון די רעכטע זייט צו לערנען פון אנהויב, זיי האבן נישט געלערנט ביז אהין וואו איך שרייב וועגן סילופים אין דעם דרך הבעש"ט, ווייל ווען זיי לערנען פון פריער, און זיי זעען דעם מצב הדור, וואלטן זיי פארשטאנען דעם ענין, און זיי וואלטן נישט געפרעגט אזעלכע נארישע קשיות. נאר עס איז א סימן אז ביי זיי איז אויך געווען "לב כסיל לשמאלו" זיי האבן נאר געעפענט פון די צווייטע זייט, צום סוף פון ספר, זיי האבן נאר דאס געזען, דעם ענין פון השתכחות דרך הבעל שם טוב, דערפאר שטורעמען זיי אזוי דערויף.

## ומודה על האמת

דער רבי האט דעמאלט געזאגט אין א שמועס צו הרב ר' משה חיים אפרים בלאך ז"ל, אז אין אמת'ן זאגן אלע חסיד'ישע פארטייען אזוי, אז ביים צווייטן איז פארגעסן דאס חסידות, יעדער זאגט עס נאר אויפ'ן אנדערן אז יענער האט נישט דעם דרך החסידות נאר ער. דאס פארדריסט זיי נישט אזוי. ס'ארט זיי נאר דאס וואס איך זאג אז ס'איז נישטא ביי קיינעם. און דער רבי האט געזאגט, איך בין דאך אויך אין די ביזנעס פון רבי'סטעווע, איך מאך פון דעם א לעבן, נאר איך זאג אויס דעם אמת.

## דעת צדיקים הקודמים

עס האט דערציילט הרה"ג ר' יושע עהרענרייך זצ"ל, הרב משימלויא, פארן רבי'ן זי"ע, אז ער איז געווען צוזאמען מיט זיין טאטן הגאון בעל לחם שלמה משימלויא זצ"ל, אויף שבועות שנת תר"ע, ביי הגה"ק בעל דרכי תשובה ממונקאטש זצ"ל, און דער שימלויער רב האט דארטן געשמועסט מיט אנדערע רבנים וואס זענען דארטן געווען אויף יו"ט און זיי האבן זיך אפגערעדט אויפן שפלות און מצב הדור, ווי אזוי דאס אידישקייט זעט אויס אפילו ביי חסיד'ישע אידן און וואס פאר א פנים דאס חסידות טראגט אין היינטיגן דור. אין מיטן שמועס איז דער "דרכי תשובה" אריינגעקומען און געפרעגט וואס זיי רעדן, האט מען געזאגט אז מען רעדט זיך אפ ווי אזוי דאס חסידות זעט היינט אויס. האט זיך דער דרכי תשובה אנגערופן, ס'איז איצט פונקט הונדערט פופציג יאר זייטן הסתלקות פונעם בעש"ט הקדוש, שבועות שנת תק"כ. ס'איז ידוע אז דער דרך החסידות איז נישט אראפגעקומען נאר אויף הונדערט פופציג יאר. אין היינטיגען דור האט זיך שוין אויפגעהערט דאס ריכטיגע חסידות, דערפאר איז דא אזא ירידה אפילו ביי חסידים.

## חדש אסור מן התורה

עס האט דערציילט הרה"ג ר' רפאל זילבער זצ"ל אב"ד פריימאן, פארן רבי'ן זי"ע, אז ער האט געהערט אמאל פון קאלאשיצער רב, הגה"ק ר' חנה האלבערשטאם הי"ד זי"ע, זייענדיק אמאל אין קאשוי, ווי ער האט אין מיטן די תורה געזאגט, אז יעדער נייער דרך קומט אראפ אויף א תקופה פון

בערך דריי הונדערט יאר אדער הונדערט פופציג יאר. למשל תקופת קבלת הרמב"ן ביז צו קבלת האר"י איז געווען בערך דריי הונדערט יאר. פון אר"י הקדוש ביזן בעל שם טוב הקדוש איז געווען בערך הונדערט פופציג יאר, און דעמאלט האט זיך אנגעהויבן א נייער דרך, דער דרך החסידות, וועלכער האט זיך געצויגען א תקופה פון הונדערט פופציג יאר. דער לעצטער פון די תלמידי הבעש"ט זי"ע איז געווען דער צאנזער זיידע, דער דברי חיים זי"ע, און פון דעמאלט ווארטן מיר נישט אויף קיין נייע דרכים נאר ווען עס וועט נתגלה ווערן ביאת המשיח. ער האט מיט דעם געשטורעמט אויף דעם רעיון פון די אגודה צו מאכן אן אלוועלטליכע פארטיי וואס דאס איז א נייער דרך, און חדש איז אסור מן התורה. ער האט שטארק געשטורעמט אז מען זעט דערצו א סאך קלקולים ביי זיי.

דער רבי האט זייער באוואונדערט די ווערטער פון קאלאשיצער רב, און ער האט געבעטן דעם פריימאנער רב ביי עטליכע געלעגנהייטן איבער צו דערציילן דעם שמועס, און ער האט באטאנט אז עס איז אים א חידוש אז דער קאלאשיצער רב, וואס ער איז געווען א שינאווער אייניקל און ער איז נתגדל געווארן על ברכיו פונעם שינאווער רב, דאך האט ער פאררעכנט דעם דברי חיים אלס דער לעצטער פון די תלמידי הבעש"ט.

ווי מיר זעען, איז דאס געווען אן אנגענומענע זאך נאך פון די פריערדיגע גדולים אז אין דעם דרך החסידות הערשט א ירידה און עס ווערט אלץ מער און מער פארגעסן די תורת החסידות.

אויך הרה"ק ר' אהרן ראטה זצ"ל שרייבט אין זיין הקדמה צום ספר שומר אמונים, (מבואר השער פי"ד) אז דער דרך החסידות איז שוין אינגאנצן פארגעסן געווארן פונעם דור. ס'איז מקובל אז ס'איז אראפגעקומען אויף א תקופה פון בלויז הונדערט פופציג יאר. מיר לעבן נאר פון די ספיחים פונעם דרך החסידות.

## דעת צדיקי בית חב"ד

ס'איז מערקווירדיג אז דער מיטעלער רבי פון ליובאוויטש, הרה"ק רבי דובער זי"ע, שרייבט אין זיין הקדמה צום "קונטרס ההתפעלות", אז אויב עס וועט נאך אזוי אנגיין קען זיין נאך גרעסערע ירידות, עד אשר תשכח דברי החסידות לגמרי ח"ו. אויך שרייבט בפירוש דער קאפוסטער רבי הגה"ק

ר' שלמה זלמן זצ"ל א זון פון הגה"ק ר' יודא לייב זצ"ל א זוהן פון הגה"ק בעל צמח צדק זצ"ל, אין די הקדמה פון זיין ספר מגן אבות אז דער דרך הבעל שם איז נתייסד געווארן אויף הונדערט אין פופציג יאר אין ס'איז שוין פארגעסן געווארן.

ס'איז מערקווירדיג וואס עס שרייבט הרה"ק ר' אברהם חיים דוב לעווין זצ"ל, באקאנט מיט דעם נאמען "דער מלאך" וואס ער איז געווען מזקני חסידי חב"ד, פון די תקופה פון צמח צדק זי"ע, אין א בריוו צו הריא"ז מרגליות ז"ל, אין שנת תר"צ בזה"ל: כי האמת כי חכמת החב"ד נעלמה בתכלית, כי מאז נגנז ארון הקודש אדמו"ר הצמח צדק, גם החכמה נגנזה עמו, מלבד איזה יחידים מהזקנים שהאריכו ימים ידעו ממציאות חכמת החב"ד, אבל לא הגיעו להבינה, כש"כ הדור הזה זר מידיעתה, אפילו ממציאותה, כאשר אין החמור יודע מחכמת התכונה, ויותר הם זרים מחכמת הגמרא, ואין כדאי להאריך בזה", עכ"ל.

## קירוב רחוקים

אין די פריערדיגע דורות האט מען געוואוסט אז דער עיקר חסידות איז געווען געוואנדן אין השגות אין אחדות השם און אין עבודת תיקון המדות, און אין אנדערע עניני עבודת השם. אין די לעצטע דורות זייט עס איז נשתכח געווארן, האבן די רביים און די חסידים באקומען נייע באגריפן וואס האט נישט קיין שייכות צו עבודה, און מען האט אנגעהויבן אריינצולייגען חסידות יעדער אין וואס ער האט געוואלט. מען האט עס פארקרימט אויף קרומע דרכים. אזוי ווי למשל דעם ענין פון "קירוב רחוקים", ארומצולויפן זיך אפצוגעבן מיט פושעים, זיי מחזיר צו זיין בתשובה, וואס דאס איז דער היפוך פונעם דרך החסידות, אזוי ווי עס שטייט אין ליקוטים יקרים פונעם מעזריטשער מגיד אין נאמען פון בעש"ט זי"ע, און אזוי שטייט אין אנדערע חסידישע ספרים אז דאס איז א געוואלדיגע סכנה פארן נפש.

אין ספה"ק אוהב ישראל (פ' תצוה) ווערט דערמאנט אז מענטשן וואס זענען מיט ספיקות איז אויך א סכנה מיט זיי צו רעדן. אויך ווערט דאס דערמאנט אין ספה"ק נועם אלימלך פ' משפטים, ספה"ק בן פורת יוסף פון בעל התולדות. און ספה"ק זכרון זאת פון הרה"ק מלובלין זצ"ל פ' מקץ.

## מסלפי דרכי החסידות

דאס זעלבע האט מען געמאכט אן עיקר אין חסידות פון די מעשה ביכלעך, וואס דאס איז אויך א סימן פון דעם השתכחות פון דרך החסידות, אזוי ווי דער קאלאשיצער רב ז"ל האט דערציילט אז ער האט אמאל געפרעגט זיין פעטער הרה"ק מציעשינוב זצ"ל, צי ער האט דאס אויך מקבל געווען אז עס האט זיך שוין אין דעם דור געענדיגט דער דרך החסידות, האט דער ציעשאנאווער רב זי"ע געענטפערט, זעסטו דען נישט אז די מעשה ביכלעך האבן שוין אנגעהויבן ארויסצוקומען.

דאס זעלבע וואס היינט מאכט מען פונעם חסידות א יסוד פון מנהגים און קפידות, וואס דאס איז אויך היפוך פונעם דרך החסידות, אזוי ווי מען קען זען אין סה"ק נועם אלימלך אין אגרת הקודש פון הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע, ווי שארף ער שרייבט קעגן דעם ענין אין נאמען פון זיין פאטער, דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע.

דעם רבי'ן זי"ע האט אבער דאס מערסטע וויי געטאן דאס וואס די היינטיגע חסידים באנוצן זיך מיטן בעש"ט הקדוש און זיינע תלמידים, ספעציעל דער הייליגער בארדיטשעווער זי"ע, צו באדעקן זייערע שענדליכע מעשים פון חנופה צו מינים ואפיקורסים. מען הענגט אין זיי אן דעם פאלשן אהבת ישראל, כאילו דעם אהבת ישראל וואס זיי האבן גערעדט, האט געמיינט אהבת המינים אויף וואס מיר זענען מתפלל דריי מאל א טאג די תפלה "ולמלשינים אל תהי תקוה, וכל המינים כרגע יאבדו". דערפאר איז דער רבי זי"ע ארויסגעקומען מיט די ערקלערונג, אז אין דעם היינטיגען דור איז דער דרך הבעש"ט אינגאנצן פארגעסן געווארן. און מען פארדרייט עס אויף קרומע דרכים.

דער רבי פלעגט זאגן אז ס'איז נישטא מקובל קיין אמת'דיגע קבלה אויף דרכים און מנהגים, למשל ווי אזוי דער בעש"ט הקדוש האט זיך געפירט, אויסער הודו פאר מנחה, וואס דאס ברענגט דער "מאור עינים" אין פרשת בשלח, אז דער בעש"ט זי"ע האט דאס מתקן געווען. אבער אין אנדערע ענינים זענען נישט דא קיין קלארע מנהגים פון בעש"ט הקדוש, און אפילו למשל אזא זאך ווי פירן טיש, קען נישט ווערן אנגענומען אלס א דרך פון בעש"ט, ווייל מיר זעען אז עס זענען געווען צדיקים ווי למשל דער בעל התניא זי"ע און זיינע קינדער וואס האבן אינגאנצן נישט געפירט קיין טיש, דערפאר קען מען זיכער נישט אנבעמען אז דאס איז דער אנגענומענער דרך החסידות.

איינמאל ווען דער באיאנער רבי הרה"צ ר' מרדכי שלמה פרידמאן ז"ל האט באזוכט ביים

רבי'ן נאכדעם ווי דער "ויואל משה" איז ערשינען האט דער באיאנער רבי זיך פרובירט מתווכח זיין מיטן רבי'ן וועגן דעם ענין, און דער רבי האט אים אויפגעוויזן מיט יסודות ברורות דעם אמת פון זיינע ווערטער, ביז דער באיאנער רבי האט מודה געווען אז דער רבי איז גערעכט אין דעם ענין.

## יראי ה' יקבלו את האמת

צוליב דעם וועלט שטורעם, האט דער רבי געהאט אין פלאן צו שרייבן וועגן דעם א ספעציעלן קונטרס אדער אביסל מאריך צו זיין פון דעם אין דעם תוכן הענינים וואס איז ערשינען אביסל שפעטער, שנת תשכ"א, אבער צוליב פארשידענע סיבות איז דאס נישט צושטאנד געקומען.

אין א שמועס מיט הרה"ח הישיש ר' פנחס עסטרייכער ע"ה (אין ספר טיב לבב פרשת שמות איז אפגעדרוקט די דברי הספד וואס רבינו הקדוש האט מספיד געווען דעם אדם חשוב ביי זיין לויה) דער ברודער פון הגה"ק טשימפער רב זצ"ל האט אים דער רבי ז"ל געזאגט אז ער קלויבט זיך צו שרייבן א ספר וויא ער וועט מער מסביר זיין דאס ענין מיט דעם דרך הבעש"ט הק', ר' פנחס ע"ה זייענדיג א מקורב צום רבי'ן האט פארשטאנען אז שרייבן אזא ספר וועט קאסטן דעם רבי'ן פיל כח און עס וועט שווער אנקומען פארן רבי'ן ארויס צוגעבן אזא ספר, האט געזאגט פארן רבי'ן אז עס לוינט זיך נישט דער רבי זאל שרייבן אזא ספר, ווייל פאר די גאס וועט נישט העלפן אפילו דער רבי זאל שרייבן א ריזן חיבור איבער דעם ענין, און ווייטער פאר אונז איז גענוג בלויז די ווערטער וואס דער רבי האט געשריבן, איז צו וואס זאל זיך דער רבי מטריח זיין.

וויא עס זעהט אויס האט דער רבי אנגענומען זיינע ווערטער, איינער פון די בני עליה וחשובי החסידים האט זיך אבער באקלאגט מיט א דבר צחות:

"אז אמת ר' פנחס האט פארן רבי'ן איינגעשפארט די כוחות, אז דער רבי זאל זיך נישט מטריח זיין, אבער ער האט צוריק געהאלטן אן אור גדול פון די וועלט, ווייל ווען דער רבי וואלט אפגעשריבן די יסודות פון דעם דרך הבעש"ט הק' וואלט דאס אריינגעשיינט א ליכטיגקייט אין אלע עולמות".

## ואבדה חכמת חכמיו

אין פרשת וישלח, שנת תש"ד, ביי שלש סעודות, האט דער רבי געשמועסט פון דעם ענין באריכות מיט א געוואלדיגע צעבראכענקייט, ער האט געשמועסט פון די מדריגות פון די צדיקים תלמידי הבעש"ט וועלכע זענען געווען אינגאנצן דבוק אין הקב"ה. זיי האבן נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך אויף דעם עולם. זיי זענען געווען אין עולמות העליונים. זיי זענען געווען בבחי' חרות וואס מיינט חירות, ווייל זיי זענען געווען דבוק אין די מקומות וועלכע זענען בבחי' "חירות".

אבער אין היינטיגען דור וואס ס'איז דא דער ריכטיגער שכחת התורה, מ'איז ווייט פונעם אמת'דיגן דביקות און פון זיין דבוק אין הקב"ה, איז מקויים געווארן "ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתר", און דאס איז דער גרעסטער גלות. דער רבי האט זיך דעמאלט שטארק מתמרמר געווען אז דער גרעסטער שכחת התורה און שכחת דרך הבעש"ט איז דאס, אז מען ווייסט גארנישט אז אלעס איז פארגעסן, און מען מיינט נאך אז מען פארשטייט עס. אזוי ווי דער ישמח משה טייטשט דעם פסוק, איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת, דער בער ווייסט נישט אבער דער כסיל איז נאך ערגער, ווייל ער פארשטייט דאס אויך נישט אז ער ווייסט נישט. אזוי אויך די היינטיגע, ווילן דאס אויך נישט וויסן אז מען איז נישט משיג דעם דרך הבעש"ט.

## אימתי קאתי מר

אין א תורה אין חידו"ת (פ' צו) האט דער רבי זי"ע געזאגט אויף דעם בריוו וואס איז געדרוקט אין איינע פון די ספרים פונעם תולדות זי"ע, אז דער בעשטה"ק האט געפרעגט משיח "אימתי קאתי מר", האט ער אים געענטפערט, "כשיהי' בעולם כמותך וואס וועלן קענען מייחד זיין יחודים אזוי ווי דו" און ער האט געפרעגט צי ער קען דאס מגלה זיין פאר אנדערע ווי אזוי מייחד צו זיין יחודים, האט משיח געענטפערט אז זיי דארפן פון זיך אליין זוכה זיין צו די בחינה. אויב אזוי, אז אינעם דור פונעם בעש"ט זענען נישט געווען אזעלכע, ווי אזוי קען דאס זיין אין שפעטערדיגע דורות וואס עס זענען זיכער נישט דא אזעלכע מענטשן, ווי אזוי וועט מקויים ווערן די ווערטער פון משיח?

נאר וואס דען, די כוונה דערפון איז, אז אויב עס וואלטן דעמאלט געווען אזעלכע וואלט עס ׳געווען בבחי׳ זכו אחישנה, אז משיח וואלט גלייך געקומען, אבער ווען עס קומט די צייט פון בעתה, וועט משיח קומען אן דעם אויך.

## משם ראי׳

ווען איינער פון די מקורבים פונעם רבי'ן האט אמאל באזוכט ביי א געוויסן רבי'ן, האט אים יענער געפרעגט ווי אזוי קען דער סאטמארער רב זאגען אז דער דרך החסידות איז נשתכח געווארן, קוקט אן די אלע פאליציעס וועלכע זענען אנגעפילט מיט הונדערטער חסיד'ישע ספרים, און ווי אזוי איז מעגליך אז דאס איז פארגעסן געווארן? ווען יענער האט דאס איבערדערציילט פארן רבי'ן, האט אים דער רבי געענטפערט אויפן ארט, אז משם ראי׳ אז עס איז נשתכח געווארן, ווייל אויב עס וואלט נישט געווען קיין ספרים בעולם וואלט מען זיך נאך געקענט איינרעדן אז די היינטיגע פירן זיך בדרך החסידות, אבער אויב מען קוקט אריין אין די חסידישע ספרים און מען זעט ווי ווייט מיר זענען פון די חסידישע ספרים, פון דעם זעט מען קלאר ווי ווייט די היינטיגע דרכים זענען פארקרימט פון דעם אמת'דיגן דרך החסידות.

## תורה שבעל פה

א חשוב'ער רב האט אנגעוויזן אז אין "ויואל משה" זעט מען ווי גרויס און הייליג דער דרך הבעש"ט איז געווען אין די אויגן פונעם רבי'ן. פון וואס ער שרייבט, אז לויט ווי עס זעט אויס איז עס געווען מן השמים אז דער דרך הבעש"ט זאל נישט אראפגעשריבן ווערן נאר עס זאל בלייבן בבחינת תורה שבעל פה, און ער צייכענט צום סידור התניא בהקפות, וואס דארט איז ערקלערט אז וואס העכער דער ענין איז, קען עס אלץ מער נישט קענען אריינקומען אין אותיות צו ווערן אפגעשריבן. פון דעם אליין קען מען זען די הויכקייט פון תורת החסידות, אז ס'איז העכער פון אנדערע דרכים, ווייל דאס האט נישט געקענט ווערן אפגעשריבן.

אויך זעען מיר צום סוף פון מאמר פון שלש שבועות פונעם "ויואל משה", ווי דער רבי זי"ע פירט אויס זיין וואונטש, אז השי"ת זאל העלפן אז אליהו ומשיח זאלן נתגלה ווערן, און דעמאלט וועט אונז נתגלה ווערן דער דרך הבעש"ט, זכותו יגן עלינו, ווייל דעמאלט וועט זיין ומלאה הארץ דעה את ה'.

* * *

אויפ'ן "ויואל משה" איז מקויים געווארן דער מאמר, משה אמת ותורתו אמת והם בדאין, קושטא קאי שיקרא לא קאי, כל כלי יוצר עליך לא יוצלח וכל לשון תקום אתך למשפט תרשיעי, זאת נחלת עבדי ה' ונחלתם מאתי נאום ה'. תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו ימליץ טוב בעדנו, עד ביגו"צ בב"א.